STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10878

UMRU

Israel Ch. Biletzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראַיאַ־מאַנאַ (י. ח. בילעצקי)

Library of Bureau of Jewish Education
Cleveland, Ohio



אומרו

ל י ד ע ר

פערלאג אייגענס

כל הזכויות שמורות

תל אביב תרצ"ז

דער אינהאלט

אומרו, גלי	ה
ווען וועט ראיא־מאנא קומען ?	ו
אלפן און בית׳ן, גימל׳ן	ט
***	י
מענטש	יב
מיין זריעה	יד
מיין היים	טו
יעדער מענטש מיט זיין נאכט	טז
דארט פון ווייט	יז
ברויז, הארץ	יח
כ׳בין א גאסן־פויקער	יט
***	כ
***	כא
אין טאנץ פון פרייד	כב
זונען־אונטערגאנג	כג
***	כה
אין גאנג	כו
וועסט מיר איינלאדן גיין	כז
נאכט, ברודער	כח
פינסטער אויף דער גאס	כט
פארן מענטש	לב
***	לג
קום ארייז צו מיר	לד
די באלאדע פון מיין איך	לו
***	לז
די באלאדע פון הינקעדיקן קבצן	לח
נאכט־פעדים	לט
ווו איך זע א בוים	מ
מיין תקון	מב
בכורים	מג
מיין נגון	מד
כ׳בין שטענדיק גרייט	מו
אין גאנג	מז
***	מט
לעבן	נ

*** נא
פארגיב, מענטש נב
שטורעם אין וואלד נד
אין טיפע נעכט נו
בעטלער־טאנץ נז
ס׳וועיען שאקאלן נח
אין א שפעטער שעה ביינאכט נט
א פראגעצייכן ס
גרויל, וויי סא
מיט וועלפישע ציין סב
*** סד
ביים שוועל פון א הויז סה
א לעבן סו
מיין גרוס דיר, אויסגעטרוימטע סח
מארטירער־בלוט ע
צווישן דער מאססע — מיין איך עב
צום דיכטער א ווארט עד
די גאס שלאפט עו
אפשר? עח
גיב א צייכן פ
אויב באשערט איז מיר פב
ווי א שטורעם ווינט פג
נאקעט פד
זינג, ציגיינער פה
א הימן צום דיכטער פו
דער געוויסן פון דעם דיכטער פט
בלייב שטיין צ
מיין רייכטום צא
א גרויסע מחנה צב
טאנצן קבצנים צד
א קנויל ווונדן צז
מארש פון בונטארן צח
*** ק
מיין ניט דערזונגען ליד קא

ראיא־מאנא (י. ח. בילעצקי)



אומרו

ל י ד ע ר

פערלאג אייגענס

כל הזכויות שמורות

תל אביב תרצ"ז

...און ווײ און מוט הײנט קען איך ניט צוטײלן

דוד האָפּשטײן

אומרו, גלי!

אומרו — גלי, גלי!
אין די טיפקייטן פון הארץ האסט דער שרפה אנגעצונדן,
פלאקערט זי
פון נאכט ביז פרי,
ברענט און ברענט
און יאטרעט אויף מיין קערפער בראנדן, וווּנדן...
הויב איך מיינע דארע הענט
און צעטראג
פלאמען פייער פון מיין שרפה
פאר מיין מארגענדיקן טאג...
אזוי טאג־איין, טאג־אויס
פונקען רייסן זיך ארויס
און יעדער פונק סמאלעט, ברענט
הויכע ווענט,
וועלכע האבן מיר פארשטעלט
דער וועג
צו דער זון פון נייער וועלט,
אומרו — גלי, גלי
פון נאכט ביז פרי
ביז מיין לעצטן אטעם־הויך...

ווען וועט ראיא־מאנא קומען?

ווען אין דער צו יענער שעה
וועט אנקלאפן א האנט אין טיר
און פרעגן:
איז ראיא מאנא דא?
ענטפער, מוטער, אים,
אז אויף וועגן
מיט זיין נגון, שטים,
לויפט ער דארט ארום
און שרייט
מיט זיין ליד, געברום
פון ווילדער, הפקרדיקער צייט...
און זאג:
ראיא מאנא איז ארויס
אין וועלטן,
פארלאזט דער הויז
און טאטע־מאמען
און אוועק צו שעלטן
יענע,
וועלכע ווילן אים פארצאמען
אין זיין שטורעמדיקן גאנג,
אין זיין ברויזענדיקן דראנג...
ראיא־מאנא ווייס פון רו,
ניט פון גליק,
ניט פון פרייד,
ראיא־מאנא בויט נאר צו
א בריק
צום טויט,
אויף וועלכן ער אליין ז

וועט גיין
מיט זיין אומרו און געוויין...
און אויב עס וועט דיר פרעגן
דער, וואס האט אין טיר פון צימער מיינעם אנגעקלאפט:
ווען וועט פון די וועגן
ראיא־מאנא קומען?
ענטפער:
ביז איינגעזאפט
אין אים וועט זיין
דער ווייטאק פון דעם שטומען,
פון קרעציגן די פיין...
פון אלע אומגליקן...
ביז ער וועט אין זיך דערשטיקן
אלע ליידן פון דער וועלט...
און באפעל:
פארלאזן זאל ער גלייך מיין שוועל
און אויף מיר ניט ווארטן...
ווייל ווען
מיין פנים ער וועט זען,
ווי פון א אויסגעדארטן
ווארצל א טויטער גליד,
און אין מיינע אויגן
וועט פארצויגן
זיין מיין ליד —
וועט ער אנטלויפן מיילן ווייט
פון מיר
ווייל ער וועט דערזען
דעם אומרו פון דער צייט.

דעם פלאקערדיקן ברען...
און ענדיק, מוטער:
ראיא־מאנא וועט ניט קומען...
דער אומרו האט אים צוגענומען...



אלף'ן און בית'ן, גימל'ן

כ'האב צוגעטוליעט זיך צו מיין אויסגעבענקטן ווארט,
אויסגעקושט די אלף'ן און בית'ן, גימל'ן,
איינעם מיט דעם צווייטן אויסגעלייגט און אויפגעפארט
און זע,
ריר מיט דיינע ליפן אן:
פאר דיר מיין ליד, פאר דיר מיין פאן...
איז דאס ווארט אין טיפקייטן ביי מיר געווען פארשלאסן,
צו מיר, צו מיר אליין האט דאס ווארט געהערט,
האט דער פייער אין א פלאם אלע פונקען אויפגעבלאזן,
ווי א מחנה ריטערס אויף דער ערד
האבן זיי זיך אויסגעלייגט
פאר יעדערן געקניט, געבויגט —
פון דאן:
איינגעשפאנט מיין ווארט איז אין קאלעקטיוון שפאן...
כ'האב באשלאסן: אויף זיבן שלעסער כ'וועל פארשליסן
יעדן חוצפהדיקן אות,
ס'וועט די טיר פון הארץ פאר קיינעם ניט זיין אפן,
פאר אלץ דארף זיין א גרעניץ, פאר אלץ איז דא א מאס,
כ'וויל מיין רייכטום ניט צוטיילן אויף אלע עקן וועלט:
אויף מזרח און אויף מערב, אויף דרום און אויף צפון...
ווערטער, שווייגט! בויט פאר מיר קיין בריק
צום צווייטן און צום דריטן,
ליגט אין מיר דערשטיקט — — —
אלף'ן און בית'ן, גימל'ן, כ'וועל אייך ניט צושיטן...

***

טרויער פון נעכטן און אומעט פון מארגן,
פון יחיד און כלל,
א ליד וויל איך זינגען פון אייביקן הערבסט אויף דער ערד:
געפלאכטענע קלאנגען פון כראקען און שפייען מיט גאל,
א געוועב פון נגונים, אין וועלכע דער טרער ווערט דערווארגן...

אזוי איז אויך היינט, אזוי איז געווען פאראיארן:
די ערד האט מיט פייער געשפיגן —
אינמיטן א מענטש איז געשטאנען,
דער וידוי אויף ליפן — ווייל אלץ איז פארשפילט או ן פארלארן
א רעווע פון חיות, ווי פון שטאלענע לונגען פון באנען...

קללות פון נעכטן און קללות פון מארגן,
איך קלייב אייך צוזאמען און שעלט מיט אייך שעלט,
א רעגן מיט זודיקן בליי האט געגאסן,
א מענטש איז געשטאנען אינמיטן דער וועלט,
די קאפ איינגעבויגן, די הענט צוגעשמידט,
הארמאטן אין הארצן זיי האבן געצילט...
נאר דאך:
זוניקע מארגנס, א מעשה'לע כ'האב היינט באקלערט:
כ'רוף אייך צום קאמף מיט דעם אייביקן הערבסט אויף דער ערד,

איבער טייכן און ימען
צעצינדט הויך די פלאמען,
די פענער פון ווינטן צעהוליעטע ווייען
צוזאמען
אין פלאמען
מיר גייען און גייען,
דורך בארג און דורך טאל
א ריזיגע צאל,

מיט אימפעט און צארן
און פאדערן, מאנען רעוואנש פון צעיאטרעטע יארן...
ווייל:
עס איז נאך ניט שפעט, ניט אלץ איז פארלארן...

מענטש...

קלעטער, קלעטער, העכער, העכער,
שפאַן פאַראויס מיט פעסטע טריט,
קריך ארויס פון שדים לעכער,
נעם דעם רידל און פאַרשיט
אפגרונטן פון שנאה, כעס,
פון טויטן גיפט און ווילדן האס...
קוק ארום די חיה גייט,
(דער מענטש צעטראָטן ווי א וואָרים)
און וווּ זי קומט, דאָרט זי פאַרשפּרייט
גרויסע שטחים ברידער קברים,
און אויף מצבות אנגעשריבן:
אין יעדער קבר ליגן זיבן...
אין אויגן ווילדער צאָרן גליט,
דער מעסער רייסט זיך פון דער האנט,
און זינגט אויס זיין חורבן ליד,
(די ליד, זי איז אזוי באַקאַנט,
איר יעדער טרעל, איר יעדער זשעסט:
„HOMO HOMINI LUPUS EST")
מענטש! איינגעזונקען, איינגעבויגן,
בלוטיקסט, שרייסט, נאָר קיינער הערט,
דורות האָט מען אונז ערצויגן,
אז דער מענטש, ער האָט קיין ווערט
און אפשר טאַקע ביזט גערעכט,—
איז נעם מיין האַלדז און קום און שעכט...

* * *

איך האב מיין קערפער צוגעווינט צו פייער־בראנדן,
מיין מחשבה — צו דעם פייף פון הפקרדיקן וויכער,
איך טראג ניט אויף מיין קאפ קיין קרוין מיט טייערע ברילאנטן,
כ׳האב איינס זיך אויסגעלערנט: פאראויס נאר גיין און זיכער...
אויפגעהאנגען כ׳האב מיין פייפל אין דעם לערן רוים,
און א ליד פון מ י ר און ד י ר אויסגעזונגען, אויסגעשפילט
און ווי א פערד אין סטעפ ניט געפענטעט, אן א צוים,
כ׳לויף און הירזשע הפקרדיק, אויפגעשטורעמט, ווילד...
און קיינער וועט אין לויפן דער וועג מיר ניט פארצאמען,
קיינער וועט דעם ווינט מיט שטריק ניט קענען בינדן,
היט זיך, היט זיך, וועלדער, פאר מיינע צינגער־פלאמען,
כ׳האב א ציל אין לויפן: ה ע ר צ ע ר א ו נ ט ע ר צ י נ ד ן...

מיין זריעה

מיין זריעה אין ליידן איך האב איר געשניטן,
אין א הייסן פרימארגן פון שגעון צוגליטן...
אין צויאטרעטע נעכט האט דער פחד געטאנצט,
אין אויגן א מעסר ט׳געפינקלט, געגלאנצט.
דער ווינט האט אין לאדן געקלאפט און געקלאפט,
און דאס ביסעלע ליכט פון מיין צימער פארכאפט...
די שאטנס אויף ווענט האבן געפלאכטן א תליה,
אין חלל פון וועלט האט געזונגען די שקיעה.
אזוי אומעטיק גאט, סיי דא און סיי דארט,
אזא גאליקער צארן אין יעטוועדעס ווארט;
אזוי פינסטער און קאלט, אזוי שטויביק און גרוי,
מיט ווייטאק פארזייט די מינוט און די שעה;
און ווו נאר עס בליקן די אויגן די מידע,
טאנצט דיר אנטקעגן מפלה, ירידה;
פארזיי איך אויף וועגן, אויף שטיין און אויף דארן
דעם אומרו פון מיינע צויאטרעטע יארן...
מיין זריעה אין ליידן איך האב איר געשניטן,
אין א הייסן פרימארגן פון שגעון צוגליטן...

מיין היים

אויסגעקנאטן כ׳בין פון ליים,
פון שטיקער רייע, שווארצע ערד,
כ׳זוך מיין זוניק, ליכטיק היים,
נאר ווער דעם זוכן האט באשווערט?
און אפשר איז מיין היים ניטא,
א חלום נאר, א וואלקן שטויב,
אפשר גאר אזוינס ניטא...
אין מויל פון פייער־צייטן רויב?.
כ׳זוך מיין היים ווו ליגט זי דארט,
אפשר קענט איר יענע וועגן,
אפשר ווייסט איר פון דעם ארט,
ווו מיין קאפ האט פריי געלעגן?..
ווייל פון הערבסט צום פרילינג כ׳בענק
זוך איך דיר מיין היים ארום,
אין דער גרויסער וועלט איז הענג,
די טיר פארשלאסן אומעטום...
אויסגעקנאטן כ׳בין פון ליים,
פון שטיקער רייע, שווארצע ערד,
כ׳זוך מיין זוניק, ליכטיק היים,
נאר ווער דעם זוכן האט באשווערט?

יעדער מענטש מיט זיין נאכט

יעדער מענטש מיט זיין נאכט,
מיט זיין מידקייט און שווערע געדאנקען;
און דער אויער צו ערד צוגעדריקט
וויל הערן די נאכטיקע קלאנגען
וואס ציהען זיך דורך מיט שרעק און מיט אימה
און דערציילן פון וועלטן געהיימע...
יעדער מענטש מיט זיין נאכט,
מיט דעם חושכדיק־שווארצן תהום,
קלייבט פונקען אויף וועגן פארבלאטיקטע
צו באלויכטן זיין ווינקל, זיין היים...
נאר דראהענד און קאלט און פינסטער אין הויז:
ס׳שוואנגערט די נאכט אירע סודות גאר אויס...
כ׳האב פיינט זיך אליין,
פיל וועגן פאר מיר, נאר דער וועג איך האב ניט געפונען,
כ׳בין בלינד
פון דער שיין פון פיל ליכטיקע זונען,
נאר דער זון איך האב איר געשטאלט ניט געזען,
איך האב אויף מיין לייב ניט געפילט ניט איר גלעט,
ניט איר ברען...
נאכט ארום. טיף אין הארצן זי דרעמלט און שלאפט
און באוואכט איז מיין וועג מיט איר טעמפן כלי־זין,
ס׳ציהען זיך וואלקנס אין הימל, ווי גיפטיקע שלאנגען
און קריכן איין אין מיין מח א גיפטיקן רעיון:
נאך לאנג וועט די נאכט אין מיין לעבן איר נגון אויסשפילן,
נאך לאנג וועט דער ווינט אין מיין גארטן זיין פייפן ניט שטילן...
יעדער מענטש מיט זיין נאכט...

דארט פון ווייט

דארט פון ווייט, ווו דער הימל זיך קושט מיט דער ערד
האב איך א מעלאדיע א שיינע געהערט,
א נגון, ווי וואסער וואס פליסט פון א קוואל,
א נגון, וואס גלעט ווי א זוניקער שטראל...
און כ׳האב זיך פארביינקט א פלי טאן אין הויכן,
ווי הויך נאר עס קען א נשמה דערגרייכן...
איך בין ביי דעם ברונעם געשטאנען פארקלערט
און האב פון די טיפקייט פון ברונעם געהערט
א נגון וואס רייסט זיך פון ערדישער ברוסט
מיט שטראמיקן לעבן, מיט גליהענדן גלוסט...
האב איך געזונגען א ליד צו דער וועלט,
א ליד ווי די וואסער אין טיפקייטן קוועלט...
בין איך געשטאנען אין טרוימען געהילט
און געהערט ווי אויף סטרונעס פון וועלט האט געשפילט
א האנט פון א ברודער, — און אלץ האט געשיינט
די שעהן פון נעכטן און מינוטן פון היינט.
האב איך צו דעם גאט פון דעם מארגן געקניט,
אז אויך מארגן כ׳זאל הערן דעם ברודערס א ליד...
נאר פלוצלינג איז פינסטער געווארן גאר שטארק,
און ס׳האט זיך דערטראגן פון טאל און פון בארג
א נגון וואס האט מיר דערמאנט אז איך שטיי
אויף א באדן ווו ס׳רייסט זיך א אומגליק־געשריי,
און דער קלאנג פון דעם נגון בעצערט און באטרעט
האט מיר דערמאנט אז איך שטיי אויף דער ערד...

ברויז, הארץ

פיינפול הארץ אין שטורעם, בונט,
שטארקער, פעסטער, ברויז און ברויז,
דו מיין הארץ, א בייזער הונט,
אין נעכט פון רעגנס זוך א הויז...
קיינער וועט ניט לאזן לייגן
מידער קאפ אויף בעט און קישן,
קיינער וועט דעם צער אין אויגן
קענען שטילן און פארווישן...
קיינער וועט ניט העלפן טראגן
שטיקער אומרו פון דיין היינט,
קיינער וועט קיין טרייסט ווארט זאגן,
ניט קיין שונא, ניט קיין פריינד...
ווען סטו הארץ מיר טאן א פלאץ,
וועסטו מיר נאר איבערצייגן,
אז איך בין געווען פאיאץ
און באדארפט כ׳האב בעסער שווייגן...
פיינפול הארץ אין שטורעם, בונט,
שטארקער פעסטער, ברויז און ברויז,
דו מיין הארץ, א בייזער הונט,
אין שטורעם־נעכט געפין דיין הויז...

כ׳בין
א
גאסן-
פויקער

כ׳בין א גאסן־פויקער, כ׳לויף ארום אהין, אהער
און קלייב אויף,
און רייס אפ
א ווײ, א טרער,
א גליד פון א פארפוילטן סיפליס גוף,
א מחשבה פון א וואנזין-קראנקער קאפ — —
און קלאפ אויס אויף דער פויק זייער ווייטאק...
נאכט. אין חלל פון דער וועלט א נגון
א פארשעמטער לויפט פארביי און ווערט פארשטומט,
א פרייד־געלעכטער ווערט באשפיגן
פון א כאליאסטרע אומעטיקע שאטנס
און גראטעסקער אומעט ברומט
צום טאקט פון מיין פויקן אין דער פויק...
מיין פויק — מיין ליד — דאס איז מיין פארמעג,
וואס ליגט פארשלאסן טיף אין מיר.—
דאך אפן, אפן
איז די טיר
און יעדער איינער וועלפער גייט פארביי
לאזט איבער—פון זיין גוטן ווילן—א חיה׳ש, ווילדן שפיי...
פויק איך אויף מיין פויק אויס יעדן שפיי:
איינס, צוויי, דריי,
איינס, צוויי, דריי —
קלינגט דער עכא אפ אויף דעם אויפגעפלאסטערטן שאסיי
אט אזוי,
אט אזוי —
די ליד פון גאסן־פויקער...

* * *

האס! האס!
גאל! גאל!
קייקלט זיך אראפ אויף קעפ איינגעבויגענע
פון יעדער גאס.
ווי א שלומערדיקער קוואל...
וואיען סטאדעס הינט,
ווי אין סטעפ דער ווינט
און בייסן,
רייסן
מיט די שארפע ציין
דעם שטראל וואס שפילט זיך
אויפן פנים פון א קינד...
זון טובלט זיך אין שקיעה,
דער ארום מיט חושך ווייט
און רייסט קריעה
אין מיין הארץ
(ווי דער טויט
די יארן פון א יונגן מענטש...)
נאר ממעמקים האט דער שטורעם אויסגעשעפט
מיין ברויז,
און מיין רויטע פאן
אין אויפגעפלאמטן וועלט-קאן
האט געקעפט
דעם שווארצן הונט וואס וואיעט אויף די וועגן,
און אויפגעשטעלט א הויז —
א היים פאר אלע היימלאזע...
און ווער וועט וואגן צו פאריאגן
דער נייער זון פון גליק־פארטאגן?

כ׳בין א גאסן־פויקער

כ׳בין א גאסן־פויקער, כ׳לויף ארום אהין, אהער
און קלייב אויף,
און רייס אפ
א וויי, א טרער,
א גליד פון א פארפוילטן סיפליס גוף,
א מחשבה פון א וואנזין-קראנקער קאפ — —
און קלאפ אויס אויף דער פויק זייער ווייטאק...
נאכט. אין חלל פון דער וועלט א נגון
א פארשעמטער לויפט פארביי און ווערט פארשטומט,
א פרייד־געלעכטער ווערט באשפיגן
פון א כאליאסטרע אומעטיקע שאטנס
און גראטעסקער אומעט ברומט
צום טאקט פון מיין פויקן אין דער פויק...
מיין פויק — מיין ליד — דאס איז מיין פארמעג,
וואס ליגט פארשלאסן טיף אין מיר.—
דאך אפן, אפן
איז די טיר
און יעדער איינער וועלפער גייט פארביי
לאזט איבער — פון זיין גוטן ווילן — א היה׳ש, ווילדן שפיי...
פויק איך אויף מיין פויק אויס יעדן שפיי:
איינס, צוויי, דריי,
איינס, צוויי, דריי —
קלינגט דער עכא אפ אויף דעם אויפגעפלאסטערטן שאסיי
אט אזוי,
אט אזוי —
די ליד פון גאסן־פויקער...

* * *

האס! האס!
גאל! גאל!
קייקלט זיך אראפ אויף קעפ איינגעבויגענע
פון יעדער גאס,
ווי א שלומערדיקער קוואל...
וואיען סטאדעס הינט,
ווי אין סטעפ דער ווינט
און בייסן,
רייסן
מיט די שארפע ציין
דעם שטראל וואס שפילט זיך
אויפן פנים פון א קינד...
זון טובלט זיך אין שקיעה,
דער ארום מיט חושך ווייט
און רייסט קריעה
אין מיין הארץ
(ווי דער טויט
די יארן פון א יונגן מענטש...)
נאר ממעמקים האט דער שטורעם אויסגעשעפט
מיין ברויז,
און מיין רויטע פאן
אין אויפגעפלאמטן וועלט-קאן
האט געקעפט
דעם שווארצן הונט וואס וואיעט אויף די וועגן,
און אויפגעשטעלט א הויז —
א היים פאר אלע היימלאזע...
און ווער וועט וואגן צו פאריאגן
דער נייער זון פון גליק־פארטאגן?

* * *

שטענדיק דוכט זיך מיר אז כ׳שטיי אויף פרעמדע שוועלן
און הער דאס ווארט:
ווייטער, ווייטער דא איז ניט דיין ארט...
שטענדיק דוכט זיך מיר, אז כ׳האב פרעמדע ערד באטראטן
און ארום קלינגט א געשריי:
ווייטער וואגל, גיי...
ביז... כ׳וועל מיין אייגן שוועל דערזען
און דאן — — — —
— — — נאר ווען וועט עס געשען?

אין טאנץ
פון
פרייד

ווינטן, ווינטן שפּילט און שפּילט,
לאמיר טאנצן, טאנצן ווילד,
לעבן, לעבן דיריגיר
שטעל זיך דא אוועק לעם טיר,
הויב דיין שטעקל אין דער הויך,
לאמיר קנוילן זיך ווי רויך,
און אין הענט דערלאנג די ליכט,
ליכטיק זיין זאל דער געזיכט...
גלידער אונדזערע געפּרארן,
טאנצן מיר אין היץ פון יארן
און פון אונדזער שטורעם טאנץ,
ווערן פריידן פיל פארפלאנצט...
שרייען מיר: געגוג געליטן —
שטארבט דער טרויער אפ אין מיטן...
קיינער וועט שוין אונדז ניט שרעקן,
פרייד־פרימארגנס וועלן וועקן
אונדזער גייסט און גוף צום לעבן,
און צום שטורעמדיקן שטרעבן...
טאנצן מיר אויף אלע וועגן,
קיינער שטעלט זיך ניט אנטקעגן...
סיי דער טרויער, סיי דער טויט
פון אונדזער פלאם פארשווינדט, צוגייט...
האלט זיך שטארקער ביי די הענט,
צווייפל, טרויער ווערט פארברענט...

זונען אונטערגאנג

זונען אונטערגאנג.
ס׳ברענט די וועלט, דער פייער צינדט מיין דאך,
מיין הויז אין פלאמען שטייט,
און איך אין צענטער דריי זיך אום און לאך
פון טויט...
וואס ווילסטו, זונען אונטערגאנג?
וואס ווילסטו, פייערדיקע קויל?
ווילסט מיין גורל, — כ׳ווארף אים אין דיין פייערדיקן מויל!
מיין ניט געשטילטן ווילן,
מיין אומפארשטענדליכער, צעווייטאקטער נשמה — נעם!
און דורך דעם —
פריי כ׳וועל ווערן פון דעם קלעם,
פון די שארפע לעבנס־נעגל...
זונען־אונטערגאנג. די רויטע קויל ברענט און גליט,
נאר עס שרעקט מיר ניט
דער פייערדיקער קרייץ,
ניט דער פלאמעדיקער בייטש...
ס׳איז מיין קערפער אן א העמד,
שמייס! — —
(ס׳איז קיין שמיץ מיין לייב ניט פרעמד)
רייס! —
און ברען מיט דיינע פייערדיקע בליצן
יעדן אדער מיינס, יעדן גליד,
איך וועל נאר די ציין פארקריצן

און שווייגן, שטומען...
זונען־אונטערגאנג. אויף דעם גורל פון מיין מארגן
כ׳שטיי אנגעשפארט

אוןווארט
אויף דיינע נאדלדיקע, חיה׳ש־שארפע ציין...

***

און ווען פון שווארצער ערד
וועט זיך רייסן הויך
א פייער,
כ׳וועל אין א זייט ניט שטיין...
אין בלוטיקן געפעכט
אויך איך
א טייל וועל נעמען.
מיין יונגע קראפט,
מיין ברען, מיין לייב.
מיין מארך אוןביין,
מיין היינט און מארגן,
כ׳וועל צום פייער לייגן...
די הענט און פיס,
דער קאפ און אויגן,
הארץ, נשמה —
אלץ, אלץ, — א קנוט
פאר דעם פייערדיקן פאקעל..

אין גאנג.

געשוועסטערט, געברודערט,
צוזאמען מיר גייען,
דורך זומפן און פעלזן,
פיאנערן אין רייען,
דורך ימען,
דורך פלאמען,
דורך בערגיקע וועגן,
דורך בלוטיקע צייטן,
צו ליכטיקע ווייטן
ניט שטיין און ניט פרעגן...
קומט אלע צוזאמען,
פארזאמלט זיך פרי,
פארלאזט טאטע־מאמען
און קארגט ניט קיין מי,
און זאל אייך איינהילן
א ליכטיקע פרייד,
און שמידט אויס דעם ווילן
אויף לעבן און טויט...
און זאל אייך ניט פאנגען
אין מיטן מארשרוט,
די קאלטע געדאנקען
און שטילקייט פון בלוט...
נאר גייט און ניט פרעגט,
די פאן אויסגעשפרייט,
עס רופט און עס וועקט
אונדז די ליכטיקע פרייד...

וועסט מיר איינלאדן גיין...

וועסט מיר איינלאדן גיין, וועל איך בויגן
מיין קאפ צו דער ערד
און הכנעהדיק שטיל מיינע טריט צו דעם אפגרונט
כ׳וועל שטעלן,
כ׳וועל דיר אפגעבן אלץ וואס אין לעבן צו מיר האט געהערט
און טרויעריק שווייגן, ווי א בעטלער אויף גבירישע שוועלן...
און כ׳ווייס: אין לעצטע מינוטן דו וועסט מיר קיין
פריילעכן בליק אויך ניט שענקען,
עס וועט נאר דיין האנט א פארשטיינערטע געבן
מיין פנים א גלעט,
קיין אכט וועסט ניט לייגן אויף דעם איבערגעריסענעם
פאדים פון בענקען,
פון טרוימען, חלומות און שטילן, פארציטערטן קינדער געבעט...
נאר אפשר... אפשר פון אונטער די חורבות וועט בלייבן
אויף אייביק א איינציקער טאן,
א גליהענדער פונק פון צופלאקערטן שטורעם, פון ברען
און ער וועט א מעשה דערציילן—אזוי הויבט זיך די מעשהלע אן:
א מ א ל א י ז ג ע ו ו ע ן...

נאכט, ברודער

וואס פרעגסטו מיר: צו נאכט איז יעצט,
צו טאג האט אויפגעשיינט גאר העל?
דוכט מיר, ברודער, אז די נאכט
האט געגעכטיקט אויף מיין שוועל.
אט איז מיין שוועל מיט בלוט באפארבט,
און קלויסטער־גלאקן קלינגען הויך,
אט ברענט א פייער אויף דער ערד,
און ביז די הימלען פליט דער רויך...
אט שטייען תליות אויפגעשטעלט
און קרבנות אויף זיי שרייען:
קומט ארויס אין גאס מיט שטורעם,
דעם מענטש פון שקלאפן יאך באפרייען....
נאכט, ברודער. הער זיך איין ווי ווינטן הוזשען,
שטורעמס, זאוויערוכעס ווייען,
הער זיך איין ווי עס שרייט דער ווייטאק
פון פארפייניגטע געשרייען...
נאכט, ברודער. נאר ווי לאנג
וועט קלינגען ווילדער חורבן קלאנג?

פינסטער אויף דער גאס

פינסטער אויף דער גאס,
בלאטעדיק און נאס,
דער הימל מיט וואלקנס באדעקט,
דער חושך דראט און שרעקט.
קיינער גייט אין גאס ניט ארויס,
יעדער איינער אין זיין הויז,
פארברייגגט מיט פרוי און קינד,
זעטיקט זיך מיט זינד,
טרינקט א בעכער וויין,
פארטרייבט מיט דעם דעם פיין.
רויכערט א ציגאר:
(אין זיין הויז איז ע ר דער האר)
און אין דרויסן קלאפט א רעג
און פארגיסט די וועגן־שטעגן...
נאר דאגהט עמיץ ווער פון דעם
ווען א מענטש זיך שטיקט אין קלעם
זארגט דער זאטער, ווען אויס נויט
שרייען קינדער: גיט אונדז ברויט?
— איז טיר און טויער צוגעמאכט
אין א פינסטער רעגן נאכט.
— — — —
ביים ראג פון דער גאס שטייט זי,
קוקט אהין און אהער,
צו גייט אפשר ווער
אירע גלידער צו קויפן.
א זונה.
איר קערפער — דער פרנסה קוואל,
א הפקרדיק שטאל,

יעדער איינער האט רעכט,
צו האר, צו קנעכט,
קויפן אירע גלידער.
א קלינגעדיקער גראשן,
און אין פרעמדע הענט ליגט אויסגעצויגן
א פרוי מיט ברענענדע אויגן,
ברענענדע אויגן פון א אומגליקליך לעבן,
וואס האלטן אין פרעגן:
ווער האט דיר רעכט, דיר חיה, געגעבן ?!
— רעכט ? — א קלינגעדיק גראשן...
און ברענענדע אויגן זיי ווערן פארלאשן,
און ליפן זיי שעפטשען: איז נא דיר געצאלט
פאר דיין קלינגעדיק גאלד,
מיין אויסגעמאטערט קערפער.
בייס מיט די ציינער זיך איין אין מיין לייב,
פאר דיין גראשן האסט רעכט,
כ׳בין דיין פארקויפטע ווייב,
דיין קנעכט...
— און קוקט ווער אריין אין דער זונה׳ס נשמה,
ווי צעריסן אויף שטיקער זי ליגט און פארקלעמט,
ווי ס׳טרערן די אויגן, דער פנים פארשעמט...
די הארץ איז צעאקערט פון ווייטאק און פיין,
פאר גראשנס ?
איז מעגליך מיין קערפער אזוי ביליק זאל זיין ?
נאר ווער׳ טראכט דען אריין ?
ווער וויל׳ דען וויסן
פון א הארץ א צעריסן;
ווער וויל׳ דען הערן

פון א געמיט א שווערן
אויף א זונה׳ס טרער אין טריבער נאכט,
ווער לייגט דען אכט?
א זונה׳ס א קערפער איז א הפקרדיק שטאל,
איר שפייזער, דער קערפער, א פרנסה קוואל.
— — — —
א הונגער דעמאנסטראציע. ס׳שרייט א המון:
געוואוג, כ׳וויל שוין ניט מיין
צו טראגן די חרפה פון הונגער.
קויפט מיינע הענט,
כ׳קען מויערן ווענט,
כ׳וועל אייזן אייך בויגן,
נאר שטילט מיר דעם הונגער וואס שרייט פון די אויגן!!
פאר מיינע הענט גיט מיר ברויט,
כ׳וויל קיין הונגער טויט...
— און צווישן דעם המון האב איך דער זונה דערקענט,
די אויגן מיט פייער זיי האבן געברענט,
זי האט הויך אויסגעשריגן:
ס׳איז ליגן
אז כ׳בין איינגעטונקט אין ברוד!
ווייסט איר פארוואס כ׳לאז זויגן מיין בלוט
און מיין קערפער איז א הפקרדיק שטאל,
ווייל ווען ברויט איז ניטא,
דאן שטומט די מאראל...
כ׳האב דער זונה דערקענט,
די אויגן פון הונגער זיי האבן געברענט...

פארן מענטש

כ׳קוק אויף דיין בילד און פארשטיי:
ווי טיף איז דער מענטשליכער וויי,
ווי טיף איז אין הארצען דער ריס,
ווען אויף אפגרונטן טרעטן די פיס,
ווען ס׳לאקערט אויף סטעזשקעס און וועגן
דער שטענדיקער ספק און פרעגן...
ווען שטענדיק דיין קול ווערט פארזונקען,
אין שטורעם פון לעבן דערטרונקען...
כ׳קוק אויף דיין בילד און באנעם:
ווי שלעכט איז צו לעבן אין קלעם,
דורך הונגעריקע טעג דערדריקט,
דורך א ברודיגער האנט פארשטיקט,
דורך שרעקפולע נעכט באשפיגן,
באליידיקט פון שמוציגן ליגן,
ווען שטענדיק — געדאנקען געצוימט,
און א שטראל פון דער זון איז א טרוים...

— — — —

און ווען פון טאג שטארבט אפ די ליכט,
צו מזרח איך ווענדע מיין געזיכט
און בעט פארן מענטש...

* * *

שטומער פחד שרייט ארויס פון קערפערס איינגעבויגענע,
שטומער צער, ווי אין די אויגן פון א הונגעריקן הונט.
(ווער שפילט עס אין דער שטיל אויף נאכט־סטרונעס צעצויגענע,
מיט ביינערדיקע פינגער אויף מיין פידל: וואנד?)
איך ווייס: עמיץ ווער דארט אויף די וועגן זוכט א רויק ארט,
אין ציטערדיקע הענט וואקלט זיך א לאמטערן;
איך ווייס: א גוסס אין א קעלער שפייט אויס א לעצטן ווארט,
און דארט אויף הימל־ראנדן צאפלט זיך א שטערן...
פינף אותיות איינזאמע קלעפן זיך צוזאמען
און לייגן זיך אויס שטום, ווי א קאפ אויף הויכער תליה:
מענטש — צוברענט אין פייערדיקע פלאמען
(גאט און הימלען ביי זיין גסיסה רייסן איינעט קריעה...)
טרויער־קלאנגען קלינגען גלאקן פון א הויכן טורעם.
אין נעכט שווארצע שפיגלט זיך דער שארף פון
פארגיפטעטן כלי־זין:
אויפן טויער פון דער וועלט א אויפשריפט שטייט: יסורים
און דער שומר פון דער שאנד־הויז איז ברודער־מערדער: קין...

קום אריין צו מיר

ווען שטיקער כמארעס לייגן זיך אויף הימלען אויס,
ווי אפגעריסענע שטיקער טרויער אויף דעם שוועל פון דיין הויז;
ווען א שטורעמדיקער רעגן רייסט פון הימלען זיך אפ
און קלאפט אין טיר דיר אן,
ווען א שטראם קעלט רייסט זיך אדורך דורך הארץ,
נשמה און ס׳קלאפט דיר א צאן אין א צאן —
קום אריין צו מיר, פריינד, איך האב מיט מיינע לידער
א פייער אנגעצונדן,
און אויף דעם פייער אונדזער צער כ׳האב געלייגט,
ווי א קרבן, געבונדן...
קום אריין, מיט דיין קעלט, מיט דיין אומגליק און טרויער אריין.
מיין טיש כ׳האב געגרייט מיט פולע גלעזער
פינקלדיקן, אלטן ווייך,
און טרינק, ברודער, טרינק, ביז דער ווייך און דער פייער
וועלן דיין באוווסטזיין פארטויבן,
ביז פארברענט וועט ווערן דיין פארשימעלטער, נארישער גלויבן,
אז ערגיץ דארט אין די ווייטן, ווארט אויף דיר
א געליבטע, א ברודער, א פריינד,
אז ערגיץ דארט אין די ווייטן איז דער מארגן
פיל שענער פון היינט...
ווען אין דיינע איינזאמע שעהן וועט באזוכן
דיין צימער ברידער ווי און גרויל
ווען טעג פון דיין לעבן וועלן ליגן פאר דיר צויאטרעט, פארפוילט;
ווען א צופרעסענע סיפליס־פרוי וועט דיר פארלייגן איר לייב,
און אין דמיון וועט זיך באווייזן פאר דיר דיין יונגע
געשטארבענע ווייב,
און פון דיין מויל וועט זיך רייסן א גאליקער, צארנדיקער שפיי,
ווי א געדיכטע לאווע צושמאלצענער, גליהענדער בליי —
קום אריין צו מיר, פריינד, לייג אוועק דיין קאפ אויף מיין קישן,
און זאל דער טיק־טאק פון דעם זייגער פארשלאפן
דיין צופייניקט געוויסן.

לד

און זאל די פארגליווערטע רו אין מיין צימער איינשטילן
דיין ווילדן געזאנג,
און געצוימט זאל ווערן דער אימפעט פון דיין שווארצן
נאכטיקן געדאנק...
ווען אין א רעגנדיקן פרימארגן וועט זיך א בעטלער
שטעלן אויף דיין שוועל,
און קנעכטישע הכנעה וועט ארויסשרייען פון זיין פנים,
ווי פארמעט־געל,
זיין אויסגעשטרעקטע האנט וועט בעטלען ביי דיר א גראשן,
(זיין געבויגענער, נעבאכדיקער גוף וועט אויסזען
ווי א ליכט א פארלאשן...)
ווען אין א שטורעמדיקן פרימארגן וועט דיר די צייטונג
צווויסן געבן,
אז אויף א תליה איז אונטערגעשניטן געווארן
א רעוואלוציאנערס לעבן,
אז "פרייהייט" איז געוועזן זיין לעצטער הילכיקער רוף,
ווען אין לעצטע גסיסה־קאנוולסיעס ס'האט זיך געווארפן
זיין געהאנגענער גוף —
איןביידע פאלן — אנטלויף צו מיר, פריינד,
מיט דיין אומגליק און וויי,
און זאלן די ווענט פון מיין הויז פארנעמען
דיין צופייניקט געשריי,
און גרינגער, וועט דיר, פריינד, ווערן לייכטער אן א שעור,
ווייל אויך איך מיט מיין קול וועל זיך צושרייען מיט דיר,
און אונדזער געשריי וועט שפרינגען פון וואנט צו וואנט,
פון פאדלאגע צום סופית! —
(אזוי וועט געשריבן ווערן אונדזער גרויסע צעוויטאקטע ליד...)
ווען די שווארצע שטימונג פון טויט וועט אנקלאפן
צו דיר אין א נאכטיקער שעה,
פריינד! אנטלויף אין מיין צימער. איך ווארט אויף דיר דא...

די באלאדע פון מיין איך

א קאלוזשע בלוט. מיין פנים שפיגלט זיך אין איר.
איך זע מיין געשטאלט: א בלאסער אויפגעהאנגענער
דיכטער אויף א שטריק...
אין מיין יעדן צאפל, אין מיין יעדן ריר,
א שגעון־געשריי רייסט ארויס זיך פון מיין בליק...
א קאלוזשע בלוט. כ׳בלייב שטיין און טונק מיין פינגער איין...
און א קול צו מיר זיך רייסט: דאס איז דיין אייגן בלוט,
וויל איך אויסטרינקען מיין בלוט ווי א בעכער גוטן ווין,
נאר א פייערדיקער בייטש טרייבט מיר ווייטער אין מארשרוט...
גיי איך ווייטער. נאר דער געשריי פון בלוט באגלייט
די מידע טריט,
וויל איך נאכאמאל מיין פנים אויסשפיגלען אין איר,
נאר כ׳קען ניט בלייבן שטיין, א פלאם טיף אין מיר גליט,
און א בלאסער דיכטער פויזעט צו זיין טיר...

* * *

ווי א שווארצע קאץ שלייכט זיך דורך די נאכט,
ברענט און גליט,
און איך שטיי און שריי אריין
און קיינער ענטפערט ניט...
צוגעשלאסן זענען הימלען,
אויך טיפקייטן פון ערד פארמאכט,
נאר א דיכטער שטייט און שרייט
אריין אין פינסטער נאכט:
נאכט! לאמיר טאנצן דא א טאנץ,
פון דער שטילקייט אויספלעכטן א קאראהאד,
און אין הימלען שפייען
הויך ארויף צו גאט...
חושכדיקע נעכט, כ׳טאנץ מיט אייך אין ראד,
אקסל אויף א אקסל, צונויפגעפלאכטן הענט,
זאל די ערד זיך טרייסלען, וועמען ארט עס, א?
סיוּוּי זענען נעכטנס פארסמאלעט און פארברענט...
און די מארגנס וואקלען זיך ווי שכורע
און שפייען אונז אין פרצוף מיט שטיקער גאל און גיפט,
טעג און וואכן אויפגעהאנגענע אין חלל פון דער וועלט
און פון זיי אומגליק, טרויער טריפט...
נאכט, כ׳הענג אויף דיר מיין אויסגעמאטערט קערפער אויף,
מיין נשמה אפקדון כ׳גיב דיר איבער,
פארשפרייט אויף מיר דיין שווארצע טרויער לייד
און לאמיר טאנצן קאנוולסיוו זיך ווארפנדיק אין פיבער...

די באלאדע פון הינקעדיקן קבצן

גרויסע פלאכטעס אייז פארדעקן ווייט דעם וועג,
ווינטן בלאזן הפקרדיק אויף דער גרויסער וועלט,
און אין געווירבל א הינקעדיקער קבצן, שטום
און שטייף פון שרעק,
מיט זיין פוס דעם הילצערנעם שפרייזט אין שטורעם
און שעלט...

שיט ער טויטע קללות, שפייט אויף אלע זייטן,
ווי פארטרינקען וואלט ער וועלן אלץ וואס איז ארום,
שטארט זיין בליק מיט פייער פול, אין מרחקים, אין די ווייטן,
און אויף די ליפן צארנדיקס: חורבן, קום שוין, קום!
נאר אלץ ארום איז שטיל, ס׳ענטפערט נאר דער ווינט,
מיט א הפקרדיקן פייף, מיט א ווילדן שטארקן ברומען,
און אין כאר הערט ער אויך דעם יאמער פון זיין קינד,
און ווייטאקדיקע פראגן: ווען וועט דער טאטע קומען?
א קעלט נעמט אים א דורך, ס׳פרוירן אים די הענט,
א שוועבעלע זיין פוס צינדט אן, דערווארעמען זיין גוף,
אט פלאקערט שוין א פייער, די האלץ־פוס זיינע ברענט,
פונקען־פייער רייסן זיך צום הימל דארט ארויף...

— — — —

אויף ווייס־פארשנייטע שליאכן, אין שטורעם פון דער נאכט,
האט א קבצן זיינס א פוס א קרבן אויפגעבראכט,
א קרבן פון מיליאנען וואס באדן זיך אין פיין,
וואס ווארעמען די גלידער ביי זייער אייגן שיין...

נאכט־
פעדים

נאכט־פעדים וועבן מיר ארום
מיט צארטע פינגער פון א מאמען,
דער טרויער און שמייכל
ווערט געפלאכטן צוזאמען...
מיט קדושה קושן מיינע ליפן,
דיין רייצענדער ברוסט,
נאכט צינדט אין מיר פייער,
כ'ווער פארברענט אין מיין גלוסט...
נאכט־פעדים וועבן מיר ארום,
געפלאכטן געדאנק און געפיל,
ס'שווייגט אויך דער שטורעם
א שטערן נאר בעט אין דער שטיל...
מיין בליק אין די ווייטקייטן שטארט,
א ליד האט אין מיר אויפגעוואכט,
נאכט־פעדים דערציילן א סוד
אז ס'האט מיר געפאנגעו די נאכט...
צו שפעט איז צו זון־אויפגאנג, ברודער?
וואס שטיי איך פארטרוימט און פארקלערט?
ווער וועט מיר דערמאנען אז אונטן
געפינט זיך קיין הימל — נאר ערד...

ווו איך זע א בוים

ווו איך זע א בוים איינגעהילט אין שווייגן,
בלייב איך שטיין
און הענג אויף אויף אירע צווייגן
מיינע טרוימען, חלומות און פארלאנגען,
מיין אויסגעבייגקטן, צאפלדיקן שטורעם־דראנג,
און כ׳שעפ אויס ממעמקים די געזאנגען
און שווייג צוזאמען מיט דער בוים...
איך הער די בוים הויבט אן גאנץ שוואך
דערציילן מיט איר שטומער צווייגן־שפראך,
וואס בויגן זיך צו ערד מיט יעדן בלאז פון ווינט:
אין מיין שווייגן ליגט באגראבן דער פראטעסט
פון אלע שטומע, וועלכע שטייען איינגעהילט אין שרעק,
אויף וועמענס נעסט,
ווי אויף א הילפלאז קינד,
ווערן אויפגעהויבן העק.
קומט אויף דער טאג,
דערזע איך ווי א מענטש מיט א האק אין האנט גייט דורך,
צאפלען זיך די צווייגן, קארטשעט זיך דערווארצל
ווי א קראנקער גוף

און בעט:
גיי דורך, גיי דורך
און הויב דיין האק אויף מיר ניט אויף,
כ׳וויל לעבן, כ׳וויל חלעמען דעם טרוים,
דא ביים זייט, ביים שטילן זוים
פון וועג...
קומט אויף די נאכט,
שטערן פינקלען אויף מיין קארק, די לבנה אנגעשפארט
אויף מיינע קינדער־צווייגן

און איך שטיי פארטראכט
און ווארט
אין ציטער און אין אימה,
דער ווארצל אנגעשפאנט צו הערן יעדן קלאפ, טיק־טאק...
ווייל די נאכט דערציילט מיר פון... א האק...
— — — —
שווייג איך. ווייל אויך איך ווי א שטומער בוים,
וואגל אויף די וועגן אן א היים
אין אימה פאר דער האק...
אויף מיינע פלייצעס אויסגעדארטע איך פארווארף דעם פאק
און וואגל ווייטער
און ליפן איינגעשרומפענע ברומען אויס א תפילה:
גאט! היט די שוואכע, אומגליקליכע און שטילע...

מיין תקון

איך וואלט ניט געזונגען, כ׳וואלט בעסער געשוויגן,
אין טיפקייט פון הארץ כ׳וואלט באגראבן מיין נגון,
פון הארץ און נשמה דעם אומעט און צער
אין קלעם פון דעם שווייגן איך וואלט זיי פארשפארט...
נאר עס רייסט זיך ד א ס ו ו א ר ט פון די ליפן ארויס
מיט כוואליקן אימפעט, מיט רעשיקן אויפברויז;
איך וואלט דיר מיין נאקעטע לייב ניט באוויזן,
פארוואונדעט דורך פיילן, געשטאכן דורך שפיזן,
איך וואלט מיין געשריי דערשטיקט אין די ציין
און כ׳וואלט אויך פארשטומט מיין אומרו־געוויין,
און אומגליקן אלע דערשלונגען אין זיך
און שווייגן געהייסן מיין וואונדיקן „איך" —
נאר כ׳קען ניט דער וועלט מיט איר שמוץ אראפשלינגען,
מוז איך ד'י גלאקן פון אומרו צוקלינגען...
שווייגן. און די ווענט פון מיין צימער זיי וואלטן פארנומען
דעם שטורעם אין הארץ און דעם שווייגענדן ברומען
און די בלייכע לבנה וואלט גנביש פארכאפט
דעם ש ו ו י י ג ע נ ד ן טרויער און אין זיך איינגעזאפט —
נאר כ׳קען ניט דעם אומגליק פון וועלטן דערשטיקן,
אין א חיה׳ש געשריי זוכט מיין לעבן א תקון...

בכורים

יעדער מענטש דארף דעם לעבן א קארב בכורים ברייַנגען ;
יעדער מענטש — אויך דער וועלכער ווערט געפירט צו תליה
און דער תלין גרייט זיך אים צו הענגען —
אויך דער — וועלכער זעט די שקיעה
פון זיין לעבן, פון זיין לעצטער שטארבענדער מינוט,
ברייַנגט א קארב בכורים — זיין אויפגעשטורעמטע,
גליהענדע בלוט...
און איך, וועלכער שטרעקט מיט שמחה אויס די הענט
צו ליכטיקע פארטאגן,
האב בכורים צום מזבח פון דעם לעבן שוין געבראכט,
איך האב שטראלן פון דער זון געטראגן,
אנגעגליטע שטראלן צום קאמף מיט חושכדיקער נאכט...
און פארזאגט זיי אויסברענען אויף ערד דעם מענטשנס וואונד
און מיטן לעבן שליסן א אומצורייסבאר בונד...
מייַן בכורים איז מייַן ליד פארזייט אויף דעם פאפיר,
די שווארצע אותיות, די אלפן, די ביתן, גימלען ;
דאס ווארט וואס שפרייט זיך אויס פון מיר צו דיר,
און אנטלויפט אין ווייטן, אין די הימלען...
מייַן בכורים איז דער עכא אין דעם וואלד
פון מייַן צופראלטער פרייליך צערפולער געשטאלט...

מיין נגון

מיין נגון
ער רייסט זיך און שרייט,
ער ציט זיך דארט ווייט,
אין הימלען בלויע
אין טעג גרויע
און פאלט גלייך אנידער
און שטייגט אויף ווידער,
ביז ער ווערט אנטשוויגן:

מיין נגון —
א מאל איז ער א ווינט,
וואס וויינט ווי א קינד
און דערציילט דיר מיט שטילע
קלאנגען פון תפילה,
אז אט שוין ניט ווייט
לאכט א גליקליכע צייט...

און דו ווייסט אז דיין נגון
האט דערציילט דיר א ליגן,
א זונענדיק, שיינעם,
א צויבערדיק, ריינעם,
נאר דו לאזט אים אזוי,
איינשטילן דעם וויי...

מיין נגון —
ער רייסט זיך א מאל
ארויס אויף זיין קול,
און לויפט גיך אוועק
און איך וויל פון שרעק
אנטלויפן פון זיך...

פארשטומט ער אויף גיך
און כ'דערזע זיך פארשעמט
אין מיינע אייגענע הענט...
מיין נגון:
א מיליאן זונען־גארבן
און א צושפאלטענער שארבן...

כ׳בין שטענדיק גרייט

כ׳בין שטענדיק גרייט זיך ווארפן אין דעם פייערדיקן
קעסל פון דער צייט
מיט דער האק אין האנט,
מיט צארנדיקע אויגן
און מיט אויפגעברויזטע בלוטן;
כ׳בין שטענדיק גרייט אין ווי׳ פון חושכדיקע טעג און נעכט
זיך שטעלן אינדערמיט
און אויסרייסן פון איינגעשפארטער זון
גארבן־ליכט...
הערבסט אין דרויסן מיט א ציטערדיקער האנט פון א זקן
טריפט טראפנס אומגליק
אויף דער הארץ פון א גוססדיקער וועלט...
אין גלידער אונדזערע פליסט א נייער שטראם,
ברענט א פלאם פון דורות,
וועלכע חלעמען גאולה־טרוימען יארן־לאנג...
זעהען מיר: אין בייטן אויפגעאקערטע א נייער קערן
ווערט פארזייט.
און איך צווישן אלע שניטערס,
מיט אויפגעברויזטע בלוטן,
מיט אויגן אויפגעריסענע,
און א הארץ א העל צופלאקערט,
וועל שטיין מיט דעם סערפ אין האנט
און שניידן אין דער ווירקליכקייט
דער זריעה פון משיח־טרוים...
שטענדיק בין איך גרייט...

אדלערס! שארפט די נעגל אויס און קומט עסן די פלייש פון א דור,
וואס וואלגערט זיך אין רינשטאקן פון א צעווארפענער,
גוססדיקער וועלט.
אויף רויטע טורעמס באגריסן עס וועט אייך א כאר,
באפליגלט, פארפאנצערט מיט זוניקן גלויבן באהעלט...
אדלערס! קומט עסן די פגרים פארסמטע פון אייגענעם סם,
רוימט אפ אלע גאסן פון זשאווער, פון מיסט און פון שטויב,
אלץ העכער די פאנען פון פייער, פון שטורעם, פון פלאם,
אלץ שארפער די האק קעגן הערשער וואס לעבן אויף רויב.
עס ברענען שטורקאצן. נאר א פינסטערע נאכט
האט אויף תהומות זיך אויסגעלייגט שטום
און דראט מיט איר חושך דעם מוטיקן וואגער וואס וואגט...
און אויסלעשן וויל זי די פונקען וואס לייכטן ארום,
(נאר ס'קראכן די טורעמס צום מוטיקן אדלערשן טאקט...)
ס'איז חצות אויף דער וועלט. ווער וועט אין דעם שטורעם
דאך זיגן?
ווער וועט דעם תלין צו אייגענער תליה אפפירן?
צו וועט זיך דערהערן פון ערדישער ברוסט א פרייער,
א זוניקער נגון,
פון פענסטער צופראלטע און ברייט אויפגעעפענטע טירן...
בום! בום! ס'האט זיך געוועקט פון זיין שלאף
דעם מענטשנס געוויסן,
פון פינסטערע נארעס ארויס איז א שחריתדיק שעה,
אונטער גראטן פארשמידטע זיי האבן די קייטן צוביסן
און דערזען אז דער הימל אויף פריי איז בלאער ווי בלא...
און העמדער פון בלוטיקע לייבער מיט יאטרעדיקע
וווּנדן צוזאמען

זיי האבן מיט צא׳רן פון זיך אפגעריסן און האבן
זיי הויך אויפגעהאנגען
אויף מארגנס צופראלטע, צוברענטע אין טאט און אין פלאמען,
אויף ריזיקע־הויכע און שטארקע צונטער־רויטע שטאנגען...
פאנען... זיגעריש יובלט אין גאסן דער נעכטן
פארשקלאפטער המון,
זיגעריש טרעטן די מחנות געשוועסטערט, געברודערט,
פאראויס און פאראויס, ס׳איז נאך קיין צייט היינט צו שטיין
ס׳איז נאך אין הענט ניט פארפעסטיקט דער קאמפאס
פון שיף און דער רודער...
און דראהענד און טיף און שווארץ נאך איז דער ארום
אויסגעשפרייטער תהום
ארום נאך די וועגן מיט גיפטיקע שלאנגען געשפרייט...
(ווייל שווער איז די וועג צו א פרייער און זיכערער היים,
ווען נאך נעכטן געשפייזט ביזט געווארן
מיט תליה, מיט הונגער און טויט...)
איינס, צוויי
א ריי נאך א ריי,
א יובל געשריי
פון פרייע צעבונדענע טריט...
מיט דער מאסע צוזאמען צוגליט
כ׳גיי מיט, כ׳גיי מיט...

* * *

נישט היינט איז מארגן, נאר קומען וועט דער טאג דאך זיכער,
ווען א שטריק דעם הענקערס האלדז וועט ווארגן...
צו יענעם זונען־טאג כ׳בין ריים,
ווען תלינ׳ס קאפ צו מיינע פיס וועט פאלן טויט!

* * *

נישט היינט איז מארגן, — דאס איז מיין גאט, מיין גלויבן, —
ווען די האנט מיט או שולד־בלוט פארפלעקט
פארגליווערט ווערן,
און אונדזער צארנדיק געשריי, איבער בערג און טאל
וועט קלינגען: הענקער, כ׳קום א חוב, כ׳צאל!

* * *

נישט היינט איז מארגן, דעם וועקסל כ׳וועל באצאלן,
מיט פראצענטער, ריזיגע פראצענטער...
פאר אלץ, פאר אלץ, כ׳וועל קיין בעל־חוב ניט בלייבן,
היינט אין גאסן וועלן דיינע גלידער קלייבן...

* * *

געדיינקסט די טעג, ווען קוילן־שאראפנעלן האבן ווילד געהוזשעט
איבער אויסגעשטרעקטע קעפ צו א ליכטיקן פרימארגן,
און געדיינקסטו יענעם רעגן־טאג ווען ס׳האט
א קויל די לונגען פון מיין פרוי געלעכערט,
אין נאמען פון דיין גאט...
כ׳וועל קיין בעל־חוב ניט בלייבן:
היינט אין גאסן וועלן דיינע גלידער קלייבן...

לעבן...

טעג — אויסגעשטרעקט דעם האלדז ווי קעמלען
צו דעם ברונעם: פ י י ן

טרינקען שטיל:
אנגעטרונקען זיך מיט יאמער
פיל...
נעכט — אויף בית עלמינס בלאנדזען אומעט,
רוהען אפ אויף קברים,

שטענדיק גרייט
א גרוס פון קבוים ברייגגען:
ט ו י ט...
עמיץ האלט דעם לעבן אונדזערס, ווארפט אים היִן און הער
שטענדיק
מיר זענען גרייט צו הערן:
ש ו י ן ג ע ע נ ד י ק ט...

***

פון טאג צו טאג ווערט שווערער מיר דער וועג צו גיין
אליין;
כ׳גיי ארויס אין יעדער נאכט און טאג
אויפזוכן מיין פריינד,
ווענס בלוט עס קלאפט אין ריטם פון מיין אויפגעברויזטן
הארץ־שלאג...
כ׳רייס אויף די טירן
צוגעשלאסענע,
כ׳ווייס: צווישן די פארלאזענע
וועט מייך אומרו מיר דערפירן
צו מיין פריינד...
מיינע נעגל אין זיין האלדז כ׳וועל ארייננשטעקן מיט פרייד
און שרייען ווילד:
כ׳וויל ניט, כ׳וויל ניט זיין פון דיר צושיידט...
קום. קום צוזאמען מיט,
ס׳איז די וועג א שווערע,
זאמד און מדבר ליגט ארום, אויף תהומות מיינע טריט...
וואגלען, וואגלען קום צוזאמען,
קוק:
שיפן שטייען אנגעגרייט אויף ווייטע־ווייטע ימען.
וועסט גיין מיט מיר און וועסט ניט פרעגן:
— ווהין?
מרחקים לאקערן אויף אונדז און סכנותדיקע וועגן...
איינגעשפאנט צוזאמען כ׳וועל גיין, כ׳וועל גיין,
דאן אפשר וועט מיין טראט
ביזן סוף דערגיין...

פארגיב, מענטש!

איך, גאט, פאל צו דיינע פיס, מענטש,
און בעט: פארגיב.
אין מיין געשטאלט איך האב דיר געשאפן,
דיר אויף דער ערד געשיקט,
פאר זיך דעם הימל גענומען —
פארגיב...
איך בין שולדיק.
איך האב דעם טויט געבוירן פאר דיר,
פיין דיר געבראכט,
מיט קרעץ דיין לייב באדעקט,
און א פרוי זאל דיר קינדער געבוירן
איך האב דיר געגעבן —
פארגיב...
גוט איז מיין כונה געווען
אבער — — —
כ׳פארטיידיק זיך, מענטש:
דעם עץ־הדעת האבן מיינע הענט פארפלאנצט
און ווי שיין דער בוים איז געוואקסן...
און איך האב דיין האנט גענומען — — —
און פון דאן — — —
פארגיב, מענטש, דעם זינדיקן גאט...
ווען דער מארגן וועט קומען
און דער הימל וועט דער ערד דערווארגן
און דיין נאמען, מענטש, וועט ווערן אויסגעמעקט,
וועל איך פון דיין שלאף דיר ניט וועקן..
ניין... ניין...
אליין אין די הימלען כ׳וועל זיין...
און אפשר...

אפשר וועל איך אויך אליין מיין נאמען אויסמעקן
און צוריק:
תהו ובהו...
— — — —
פארגיב, מענטש, דעם זינדיקן גאט...

שטורעם אין וואלד

האט א שטארקער שטורעם געווארפן זיך אויף בוימער
ווי די בוימער זאלן צוימען זיי דער וועג.
האט ארום געלייגט זיך שטיקער אימה,
האט ארום געפייפט א ווילדע שרעק...
נאר די בוימער האבן זיך מיט ציינער איינגעביסן
און ניט געוואלט פון שטורעם ווערן אויפגעריסן.
די קעפ געבויגן האבן זיי אהער, אהין,
די שפיצן האבן זיך צו נאסער ערד גענייגט,
האבן כוואלעס רעגן אן א ציל, א זין
אויף די צווייגן שטורעמדיק זיך אויסגעלייגט.
נאר פון ווארצלען האט געטראגן זיך א קול:
מיר זענען אייזן פעסט, מיר זענען שטארק ווי שטאל...
האט פון בוים צו בוים געטראגן זיך א קול: העלף!
האט בוים צו בוים געשריגן: ברידער, האלט זיך שטארק!
און דער שטורעם האט צעברויזט זיך ווי א סטאדע וועלף,
און געווארפען זיך אויף ווארצלען, און געקלעטערט
אויף דעם קארק.
נאר די בוימער האבן האפערדיק געענטפערט שטאלץ:
יעדער איינגעווארצעלטער אין ערד איז שטארק,
אפילו שוואכער האלץ!!!
נאר דער שטורעם האט עקשנותדיק זיך הפקרדיק צוברילט
און דער פייף פון ווינט האט אנגעהויבן שטייגן,
אויף שטיקער שווארצע נאכט האבן זיך צושפילט
און געביסן מיט די ציינער דעם קערפער און די צווייגן,
נאר עקשנותדיק פון בוימער האט א קול געשאלט:
ניט איינזאם זענען מיר, מיר זענען דא א וואלד!!!
א וואלד. און יעדער איינער וועלכער קומט
די הייליקייט פארשוועכן

זאל וויסן: מיר זענען לאווע, בונט,
אין אונדזערער פארוואַרצלונג ער וועט זיין כח ברעכן,
אין אונדזער מעכטיקן, אויסגעשמידטן בונד...
היט זיך, היט זיך, שטורעמס, ווינטן, שנייען
ווען איר קומט די רוחות אייערע פארזייען...
האבן ווינטן דעם ענטפער פון דעם וואלד געהערט
און זייער כח האט זיך גלייך צובראכן:
ווער איינגעוואָרצלט איז אין שוואַרצער ערד,
וועט קיין שטורעם אויף דער וועלט
זיין פרייהייט ניט פאַריאַכן!!!
האט דער הימל זיך געלייטערט, שטערן האבן זיך באוויזן
און געפינקלט אויף די קעפ פון שטארקע ווימער־ריזן...

אין טיפע נעכט

אין טיפע נעכט האט דורכגעבליצט א שיין,
דורך פענסטער, טיר זיך דורכגעריסן,
אין מיין הארצן איינגעשניטן זיך. אריין.
און מיט חיה'ש שארפע ציינער טיף אין מיר זיך איינגעביסן.
א שיין, א בליץ אין טיפע נעכט ווער קען מעסטן,
ווער קען וועגן זיין באדייט?
ס'איז א אנזאג, ברודער: אז נאך שטארקער וועט די זון
פון מארגן זיין,
ווי דער חושך פון דער נאכט אין ווילדער, הפקר צייט...
ס'איז א בשורה, ברודער: א קאמף דער פינצטערניש ארום
ס'האבן כחות מוטיקע אין טיפע נעכט זיך הויך צושריגן:
בליצן שליידערן אויף חשכותדיקע אפגרונטן,
אין קאמף פון שווארץ און רויט—רויט מוז מארגן זיגן...
אין טיפע, שווארצע נעכט האט דורכגעבליצט א שיין,
כ'וויל מיין לעבן אים מיט גבורה היינט פארטרויען,
בריקן אלטע אויפגעריסן דארפן ווערן
און אויף זיי א נייע פעסטונג לאמיר בויען...

בעטלער טאנץ

נעמט אראפ די באנדאזשן פון יאטרעדיקע ווונדן,
די שמאטעס פון קרעץ אויף דער לייב אויפגעבונדן,
בעטלערס פארשמאכטע פון וואנדערן מיד,
קומט זינגט אונדז די שרעקפולע טארבע ליד...
כ׳האב פאר אלע אומגליקליכע א ביידל געמאכט,
קומט רוט זיך דא אפ פון דער פינסטערער נאכט,
מיט גראשנס אין די הענט באזוכט מיין געצעלט,
אויך איך בין א בעטלער אויף דער גראשענדיקער וועלט...
נאר באנדאזשן אראפ, לאזט אפן די ווונדן,
די שמאטעס פון קרעץ אויף דער לייב אפגעבונדן,
מיט געפלאכטענע הענט אין בעטלער קאראהאד,
לאמיר שעלטן און שימפן דער וועלט און איר גאט.
הויבט אויף די פיס, די ווונדן פאראויס,
א טאנץ פון פראטעסט מיר טאנצן דא אויס,
די קרעץ אויף דער לייב — נאר ניט זיך געשעמט —
פון ברודיקן קערפער רייסט אראפ אייער העמד,
נאקעט, גאר נאקעט, ווי די וועלט איז אליין,
לאמיר טאנצן דעם טאנץ פון דעם לעבן־געוויין...
אונדזער מחנה איז גרויס, מיליאנען, מיליאנען,
גענוג שוין געבעטלט, לאמיר פאדערן, מאנען,
וועט מען אונדז הייסן די ווונדן פארבינדן,
וועט אונדזער פייער נאך מער זיך צוצינדן...
און ביים שיין פון דעם פייער אונדזער קול וועט מען הערן:
דער נעכטיקער בעטלער—א פרינץ ער מוז ווערן...
ס׳קלינגט אויס אונדזער טאנץ פון דעם לעבן־געוויין:
ווילסטו, מענטש, פריי זיין — באפריי זיך אליין...

ס׳וואיען שאקאלן

ס׳וואיען ארום און ארום די שאקאלן,
זיי וואיען, זיי שרעקן, וואס ווילן זיי זאגן?
וואס ליגט עס באהאלטן אין וויינען, אין קלאגן?
ווער וועט א ענטפער מיר געבן? —
צו ליגט אין דעם וואיען באהאלטן פראטעסט
פון א אומגליקליך לעבן;
אדער ליגט אין דעם וויינען א ווארים וואס פרעסט
דיר דיין גלויבן און שטרעבן?;
ס׳דוכט זיך:
צו דעם הונגער געשריי פון לאנדאן, מאדריד,
ניו־יארק, קאלקוטא און אנדערע שטעדט,
באהעפט זיך אין חושך פון נעכט נאך א ליד,
א ליד פון שאקאלן, ווי א קינדער געבעט...
אזוי איז עס:
שאקאלן דערציילן, אז ס׳ברענען שוין פלאמען,
און ס׳טראגט זיך דער פייער דורך לענדער אריבער,
אז ס׳קושט זיך אין ערגיץ א זון מיט דער מאמען
און ס׳שעפטשעט די מאמע ארויס ווי אין פיבער:
מיין זון... גאט זאל דיר היטן...
(נאר צו קען דען א מאמעס א ברכה פארהיטן
איר זון וועלכער גייט אויף מלחמה אוועק?)
אזוי וויינען שאקאלן: א בלוטיקע וועג
פירט פון לעבן צום טויט,
און פרעג ניט קיין פראגן, צום מארש דארפסט זיין גרייט...

אין א שפעטער שעה ביינאכט

1.

ווער קלאפט עס אזוי שטארק, אין א שפעטער שעה ביינאכט?
— כ'בין א אלטער בעטלער, אויסגעווייקט פון שטורעמדיקן רעגן
כ'וויל א ארט מיין קאפ צולייגן, מארגן כ'וועל ווייטער
אויף די וועגן
מיד פון הונגער וואנדערן. פארוואסטו דיין טיר
האסטו פארמאכט?

2.

— ביזט א אלטער בעטלער, איז גיי געזונטערהייט,
אין אזא שפעטער שעה דעם שלאף וואס שטערסטו מיר?
אוועק גיי פון מיין פענסטער, קלאפ ניט אין מיין טיר
קיין בעט פאר אלטע בעטלער כ'האב ניט צוגעגרייט...

3.

— ס'שמייסט דער רעגן אין מיין פנים, גאר פרי
כ'פארלאז דער שטאדט,
כ'וויל קיין קישן, כ'וויל קיין בעט, אויף דער טארבע
וועל איך ליגן,
כ'וועל, האר, דיין שלאף ניט שטערן, כ'וועל שלאפן אויף די שטיגן
לאז אריין א אלטן בעטלער, האב מורא פאר מיין גאט...

4.

— צו האט א בעטלער אויך א גאט? אוועק פון דאנעט שנעל...
אוועק גיי פון מיין טיר און שטער מיר ניט מיין שלאף.
און וועק מיר ניט מיין פרוי, אוועק גיי און א סוף,
וואס שטייסטו, אלטער בעטלער, פארשמוציג ניט מיין שוועל...

5.

און אויף דער גאס האט א שטורעמדיקער רעגן,
באגלייט א אלטן בעטלער אויף בלאטעדיקע וועגן...

א פראגע־צייכן

ה. לייוויק

באפרייען אייך איך בין געקומען,
פון טראכט פון ווייטאק כ׳בין אויפגעשוואומען,
צו אייך, צו אייך איך גיי
אויסלייזן דעם מענטש פון ווי...
איך קום, כ׳האלט דעם חלף אויסגעשטרעקט, —
א ביקס, א שפיז, א שארפע שווערד,
אין גארטל פון מיין קלייד פארשטעקט —
מיט דעם באפרייען כ׳וועל דער ערד...
דער תלין גייט מיט שטארקע טריט,
פון גליק זיין פנים שטראלט און שיינט,
זיין נקמה ברויזט און גליט,
די ערד באפארבט מיט בלוט פון פיינט...
די האק געקומען איז צום ווארט,
די גאולה לייכט אראפ,
ס׳וואכן תליות דא און דארט
און אויף זיי א בלוטיק קאפ...

— — — —

כ׳בין דיר מוחל, האק־שליח,
ביזט נאר תלין, — ניט משיח...

— — — —

און אפשר איז דער שווערד־געפעכט
דער משיח פון די קנעכט?

— — — —

א פראגע־צייכן שטייט און שרייט:
ווער איז באפרייער אין דער צייט???

אויפגעוויקלט ליגן טעג ווי א קנויל,
און אויף זיי
גרויל,
ווײ,
אויף יעדן שוועל...
א ארעם קינד,
דאס פנים געל,
א בייזער ווינט
זיך שפּילט מיט קליידער אלטע
און צוריסענע,
מיט גלידער קאלטע
פון הונגער־מיילער צוביסענע...
א אינוואליד
אין ראג פון גאס
זינגט אויס א ליד
פון האס...
א האלב פארשעמטע הויז,
א ארבל אן א האנט,
קוקן ווילד און בייז
און צארן פון די אויגן פלאמט...
אויפגעוויקלט ליגן טעג ווי א קנויל
און אויף זיי
גרויל,
ווײ,
אויף יעדן שוועל...

מיט וועלפישע ציין

טויטע קערפערס ליגן אויסגעצויגן
אין טייכן בלוט און פראטעסטירן;
שטיקלאך פיס און הענט, שווארצאפלען פון אויגן,
א אפגעהאקטע קאפ, אן מח, אן געהירן,
פרעגן:
פארוואס?
אויפן רוקן פון דער וועלט רוט א פינסטער נאכט,
טייוולאנים טאנצן זייער טאנץ און אין הענט ליגט דינאמיט,
און איינס, צוויי... (זאג נאר, ווער האט אויסגעטראכט,
אז שיין איז אלץ, וואס וואקסט און בליט?)
דינאמיט
רייסט אויף די בריקן...
בריקן אויפגעריסענע און שלעפן מיט זיך מיט
טריגקענדע קרבנות און אפגרונט שלינגט זיי איין,
ראנגלען זיך פאריאושט, נאר אפגרונט צו זיך ציט,
און שא־שטיל, ווי גארניט זאל דארט זיין...
ווער ביזטו, מענטש,
ווען ים צעבורזשעט זיך? —
אין געשיכטע ווערט פארשריבן פאר דעם צוקונפטיקן דור
דער נאמען פון דעם זיגער, פון פירער, פון דעם העלד
און ס'ווערט פארצייכנט אויף די דאטע, אז אין דעם און דעם יאר,
זענען טויזנטער געבליבן געהרגעטע אין פעלד.
און איבער אלע דורות
דרייט זיך דורך דער בלוטיק ראד...
און איך וויל: אויב מיין גורל איז ארויסגיין אין וויכערדיקן סטעפ
און אויסזינגען מיט אלע א בלוטיק, רוצחיש ליד,
זאל אויך מיין קאפ זיך וואלגערן צווישן אלע קעפ,
נאר פארגרעסערט ניט דער וועלט מיט נאך א אינוואליד.

ניין... ניין...
נאר ניט קיין אינוואליד...
און אויב דו, קראנקען־שוועסטער, וועסט מיר אין פעלד געפינען,
און גלידער וועלן צאפלען נאך, די אויגן וועלן טרערן,
און פון קערפער וועלן טראפן בלוט אויסרינען,
וויל איך, קראנקען־שוועסטער, דיר באשווערן,
דו זאלסט מיר טויטן
און ניט רעטן.

*** ניין! ניין! —
עמיץ האט מיר אויסגעלערנט אָט דאָס וואָרט
און ביינאַכט, בייטאָג
איך טראָג
צווישן מיינע ציין
דעם קלאַנג:
ניין! ניין! —
עמיץ האט אין מיר פאַרזייט
דעם אומרו פון דער צייט,
דעם ווייטאָק און די לייד.
און ווי אַ הונגעריקער הונט
שפּילט אויס זיין הונגער־מאַרש אויף אַ דאַרן ביין,
אַזוי שפּילט אויס מיין וווּנד
טויזנט מאָל אין יעדער שעה:
ניין! ניין! —
גרויל! גרויל! —
איז גוט אין גרויקייט פון אָרום.
אַדיסאָנאַנס צום "יאָ" "יאָ"
מיט אַ לייב־געברום
אַריינשרייען מיט האַס
אין גאַס:
ניין! ניין!!! —

ביים שוועל פון א הויז

כ׳בין א דורך לעם א שוועל פון א הויז
און געזען,
ווי א הונט איז געלעגן און געטרוימט פון א ביין.
כ׳האב אין א זייט זיך געשטעלט
און געקוקט
אויף די ביינער וואס האבן געסטארטשעט פון פעל.
און ס׳האט מיר געדאכט,
אז דער הונט האט זיין קאפ אומגעדרייט
און גריזשען גענומען זיין אייגענער פעל.
ווי גוט כ׳האב פארשטאנען דעם הונט.
אויך א מענטש, ווען דער הונגער צופייניקט זיין גוף,
און אויגן זיך רייסן ארויס פון די לעכער,
און נערוון זיך ציהען ארויס פון זיין קאפ,
בייסט ער זיין לייב,
רייסט ער זיין הויט,
ביז אין אנמאכט ער פאלט אויף דער גאס
און דערזעט זיך אויף מארגן
אין א ווייסן כאלאט,
אין א הויז מיט א שילד:
פ א ר ג ײ ס ט י ק ק ר א נ ק ע...
דעם הונט און דעם מענטש—איין גורל פארבינדט זיי אין לעבן...

א לעבן

נאכטיקע צוויי אויגן דערציילן פון אזויפיל אומגליקן;
נאכטיקע צוויי אויגן — ווי צוויי פארפוילטע לונגען.
שטעכן דיר דיין הארץ, נשמה דורך.
דוכט זיך דיר:
א ביינערדיקע האנט האט א שטריק ארום דיין האלדז פארווארפן
און דער קנופ האט זיך פארצויגן שטארק, שטארק...

אט אזוי, א... ביז די אויגן־רונדן דיינע
האבן שפייען אנגעהויבן מיט שטיקער טויט...
איז דיין קערפער קאלט געווארן.
קאלט. ווי א טויטער גוף פון א צופרעסענער סיפליס פרוי.
לער און פוסט דיין הויז.
נאר נאכטיקע צוויי אויגן קוקן נאך אין יעדן ווינקל
און אויף די ווענט געשפענסטיקע פחדים טאנצן א טאנץ.
ווילסטו דיין האנט פארווארפן אויף די שאטנס אקסלען
און אין קאראהאד איינפלעכטן די הענט,
נאר די שאטנס שרעקן זיך פאר דיר,

פאר די נאכטיקע צוויי אויגן, וועלכע שטעקן טיף אין דיר.
בלייבסטו שטיין פארגליווערט אויף דיין ארט,
ווי א פארוואקסענער שטיין
און עס רייסן זיך שטיקער הארץ פון דיר ארויס...
קיין פריינט ניטא. אויך שאטן־פחדים שרעקן זיך פאר דיר...

הערסט א עכא נאר פוי זיך אליין,
פון דיין אייגענעם געשריי, פון וואונדן דיינע אויפגעריסענע,
פון דיין מידער, שווערער קאפ, וועלכע פאלט אויף מידע קני:
דעם שווערן לאסט פון לעבן ווייטער שלעפ!
אליין. און פון אלע גאסן וועלן אנגעשארפטע העק
לויערן אויף דיר,

און פון טאג צו טאג וועלן דיינע צוויי נאכטיקע אויגן
נאך פינסטערער ווערן,
און דיין איינגעשרומפּענער קערפּער וועט קלענער נאך ווערן,
ביז דיין טויט דו וועסט געפינען ביי א פארוואָרפן פלויט,
דערשטיקט פון שווערער משא אויף דיינע אויסגעדארטע אקסלען,
און דיינע צוויי נאכטיקע אויגן וועלן דערציילן
פ ו ן א מ ע נ ט ש נ ס ל ע ב ן . . .

מיין גרוס דיר, אויס־געטרוימטע שוועסטער

מיין גרוס דיר, אויסגעטרוימטע שוועסטער,
בלאסע, מידע,
מיט די אויגן דיינע צוויי פארחלעמטע, אויפגעריסענע,
מיט דיין נשמה פון צער און פיין צוביסענע,
מיט דיין פלאמעדיקן בליק,
מיט דיין ניט געשטילטן דורשט
נאך לעבן, גליק...
א גרוס דיר מיין אויסגעטרוימטע שוועסטער,
אין דיין שווערן דערנער וועג,
ווען דא און דארט
קלינגט אף דער שארף פון העק
און יעדעס ווארט
ווערט דערשטיקט מיט א גאלפול שפיי
מיט א קוילן־קנאלעריי...
ס׳איז די וועלט א זאל,
א באלויכטענער מיט מיליאנען לאמפן,
און די וואס רייסן זיך צום קוואל
פון גליק און פרייד,
צום מים־חיימדיקן טייך,
צו דער שיינער קיניגרייך
פון צויבערדיקע היינט און מארגנס —
מוזן זייער הארץ, נשמה,
שטורעמדיקן גלויבן, ברען פון אויגן
אויף דער אויפגעפלאקערטער עקדה לייגן...
און זייערע אויסגעשטרעקטע הענט
פארסמאלעט ווערן זיי, פארברענט...
איך קוש דיר, מיין אויסגעטרוימטע שוועסטער,
כ׳גיי מיט דיר צוזאמען,

דורך שטורעמדיקע וועלטן,
דורך פייערדיקע פלאמען,
דורך זאוויערוכעס, קעלטן,
אונדזער זריעה אויף דער וועלט פארזייען.
פון דיין באחנט געזיכט
האפענונג איך שעפ,
גארבן ליכט —
שוין קעגן האמערדיקע קלעפ
פון פיינט...
מיין קוש דיר, אויסגעטרוימטע שוועסטער,
פון מיינע אויפגעברויזטע, שטורעמדיקע טיפן,
האלט דעם רודער,
כ'בין דיין ברודער,
מוטיק, מוטיק פיר די שיפן
פון דיין אויפגעריסן ברוסט
שרייט א קול: וועלט! א גרוס
דיר פון א נייעם לעבן,
פון יונגע באטאליאנען,
פארפאנצערטע מיט מוט,
פון הערצער יונגע, אויפגעשטורעמט בלוט,
פון גאסן פארפלייצטע מיט מיליאנען
פרייהייט־פאנען,
פון יונגע, נייע, שטאלצע מענער,
פון ארקעסטרען וועלכע שפילן נייע טענער
אויף דער פויק פון אלטע וועלטן.
מיין קוש דיר, שוועסטער פול מיט חן,
קוק: דאס איז דער נס
פון צוזאמען־גיין!!!

מארטירער־בלוט

ווען א מארטירער ווערט באגריסט פון דער הויכער תליה
און פון תלינס האנט,
ווערן פונקען פון זיין הארץ, נשמה, פון זיינע
שווארצאפלען צוגליטע
פארשפרייט אין חלל פון דער וועלט.
און פון די פונקען ווערט א פייער און דער פייער
רויבט די רו פון יעדן איינעם,
וועלכער טראגט נאך אויס אין זיך דעם טרוים
פון דער העכסטער קדושה:
מ ע נ ט ש!!!
ווען מארטירער־בלוט רינט אויס פון הייסן קערפער,
ווערט דער גלויבן אין דעם מארגן, ווי דער מארגענשטערן
אויפן הימל, אויסגעשמידט,
און דער ג ל ו י ב ן ווערט פארחתמעט מיט דעם לעצטן
טראפן בלוט פון מארטירער־לייב,
און די זון פון טאג און דער חושך פון דער נאכט
א שבועה נעמען אויף:
ס׳זאל דערווארצל פון דעם תלין אויפגעריסן ווערן!!!
הייליק איז דעם מענטשנס בלוט, נאר פיל הייליקער
איז מארטירער־בלוט:
דאס זידט, דאס שרייט פון שווארצער ערד און מאנט,
דאס רופט און וועקט און פלאמען צינדט אין יעדן גייסט;
דאס איז דער שטורעם וועלכער טראגט זיך דורך
דורך בלוט פארפלעקטע וועלטן
און צייכנט אויף די וועגן, ווי א אדלער אין די בערג, ארויף:
פ ר י י ה י י ט!!!
מארטירער־בלוט ווערט איינגעזאפט אין יעדן ציטער
פון דעם וועלט־גאנג

און זייט בונטארן אויפברויז, ווי א פייערשפייערדיקע לאווע;
מארטירער־בלוט איז דער געשריי פון גאט אין גערנאנגל
מיטן טיזול.

דער פארמעסט פון טהרה מיט דער טומאה,
דער געפעכט פון טאג און נאכט...
ווען א מארטירער ווערט באגריסט פון דער הויכער תליה
און פון תלינס האנט,
צוקלינגט משיח זיינע קייטן און גאולה־קול צושרייט זיך הויך...
בייסט משיח מיט די ציינער דער קנעפטשאפט שטריק
וואס דריקט אויף הענט און פיס...

— — — —

אבער נאר יחידים נעמען אויף דעם קאנוולסיון לעצטן צאפל
פון מארטירער־קערפער אויף דער תליה;
און נאר אין הערצער פון יחידים ברענט דער הייליקער
נר-תמיד פון מארטירער־בלוט..

צווישן רעד מאסע / מיין איך

איז די מנורה פון דעם לעבן אונגעצונדן,
האלט איך דער שוועבעלע אין האנט
און היט,
אז ווען מאסע שפאנט
מיט פעסטע טריט,
זאל מיין ליכט ניט אויסגעלאשן ווערן
די ליכט פון מיין שווערן
לעבן.
אין דעם שטורעם פון די יארן,
אין דעם געזאנג,
אין דעם הילכן פון די כארן
פון קאלעקטיוון גאנג,
האב איך איינגעפלאכטן
מיין אינדיווידועלן אויפברויז
אין דער אלגעמיינער הויז
פון אונטערדריקטן קלאס.
און צוזאמען
כ׳צינד מיט פייער אויף דער גאס
מיט פלאמען
פון מיין הארץ...
נאר איך היט,
אז צווישן אלע בליקן
זאל איך ניט דערשטיקן
דעם געשריי פון מיינע אויגן...
אז מיין געזיכט
זאל ניט פארטונקלט ווערן
אין דער שיין פון דער העלער מאסע־ליכט...
און שטענדיק, ווען מיט מאסע כ׳שפרייז

און באשטייער אויך מיין טייל,
(אויך דאן ווען מאסע גרייזט)
גיי איך שטילערהייט
און צייל:
איינס, צוויי
אט אזוי,
דעם טראט פון מיינע שיך
פון מיין אומרופולן „איך״...

צום דיכטער א ווארט

דעם דיכטער, וועלכער שטעלט זיין פען,
זיין הארץ און ברען
צום דינסט פון האר,
און אויגן זיינע צוגעשלאסן ווען דער קנעכט זינקט אין זיין צער;
דעם דיכטער, וועלכער זינגט זיין יחוד ליד,
ווען דער לעבן מיט א הייסן אייזן בריט —
מיין ווארט:
דיין לעבן, דיכטער, האט פאר געשיכטע גאר קיין ווערט,
דיין גאט דו זוכסט אין הימלען, ניט אויף שווארצער ערד,
אהין שיקסטו די טרוימען, אין הימלען ווארפסט דיין בליק,
דארט ווו ס'רוהען שטערן זוכסטו קעניג גליק;
דארט זוכסטו אינהאלט פאר דיינע נעכט און טעג,
דארט ווילסט דערזען דעם לאנג געזוכטן ברעג;
דו גלויבסט, אז אין הימלען פרייליכקייט האט זיך צובליט,
און שניטערס גרייטן זיך צו דעם גרויסן יום־טוב שניט...
אנטלויפסטו אין דעם זיסן טרוים,
טרינקען וויין און ניט דעם שוים...
און פון דער ערד, ווו באזעצט האט זיך א שווערע פעסט,
און הונגער, פיין סמט דעם לעבן אפ און פרעסט
די יונגע לייבער אויסגעגריזשעטע פון צוואנציקסטן
יארהונדערטס ציין,
וועלכע ווארפן זייער יונגן לעבן אויף דעם הארטן
ברוק פון שטיין —
אנטלויפסטו אין די הימלען צו א גאט,
און פארגעסט דעם הייליקן געבאט:
אז דיכטער זיין הייסט לעבן אויף דער ערד,
ווען ס'דראט דאמאקלעס שווערד,
ווען אין יעדן גוף פרסמטע שנאה גליט

עד

און אויף יעדן אבר האס, נקמה בריט:
אז דיכטער זיין באדייט:
ניט ציהען זיך פון שלאכט־פעלד אין א בלוט געפארבטער צייט
הארטנעקיק ווי א פעלז, קוקן אפן, קלאר
ניט אנטלויפן אין די הימלען, א קינד זיין פון דעם דור,
וועלכער שטייט אין קאמף, אין קאמף פאר פרייהייט, ברויט,
און אין יעדער שעה צו תליה איז ער גרייט...
אז דיכטער זיין באדייט צינדן פייערן אין חושכדיקע נעכט,
מאנען, פאדערן די צוגערויבטע רעכט,
און דער ערשטער גיין פאראויס מיט א פלאטערדיקער פאן
ווען קוילן פליהען איבער קעפ און דיין לעבן איז אין קאן,
צינדן פייערן... און ליכט זאל זיין, ליכט, וואס מערער ליכט,
אוף בונטארן שטורעם זאל זיך טראגן פון געדיכט,
א קול וואס מאנט און פאדערט, א קול וואס וועקט און רופט:
לופט זאל זיין, לופט, וואס מערער לופט,
א קול וואס שרייט: ניט צו הונגערן ביזטו, מענטש, געבארן,
ניט אין טורמעס דארפן וועלקן דיינע יארן,
נאר ארבעטן און לעבן, געניסן גליק און פרייד
ווי פשוט: ארבעטן און לעבן—דער גאנצער וועלט־באשייד...
— — — —
פון פאבריקן און מאשינען רופן אויס די ריכטער:
פון לעבן ווער ס׳אנטלויפט איז ווייט
פון זיין א דיכטער...

די גאס שלאפט

נאכט. שליסט צו די גאס די אויגן אירע מידע
און שלאפט איין.
אויף די ליפן צוגעשלאסענע,
אויף לבנה־שיין צוגאסענעם
ליגט אויסגעשפרייט א וידוי
פון א גוסס.
שא. שטיל.
מ׳הערט קיין שארך, קיין ריר.
ס׳איז די וועלט א סודות־שפיל...
דא ווערט געעפנט, דארט פארמאכט
א טיר...
דא ווערט טאג, און דארט ווערט נאכט,
דארט איז חושך, דא איז ליכט —
די וועלט א סודות־שפיל...
ס׳שלאפט די גאס. אויסגעשפרייט ליגט שיכט אויף שיכט
לבנה־שיין און שטערן־פינקל...
און אין ווינקל
פון דער הארץ טויכט אויף א שטילער נגון,
וואס וויל דיין גייסט און גוף פון ערד אפרייסן
און אין טרוימען דיר פארוויגן...
און באמערקסט ניט, ווי די פיס שפרייזן, שפרייזן
ווייט־ווייט
איבער אויבערפלאך פון צייט.
און דער אויפגעקנוילטער שטורעמדיקער צער־און־צארן
אין דעם נגון
ווערט צוגאנגען און פארלארן.
שטילערהייט —
אין דיין הארץ האט א געהיימע האנט פארזייט

א וועלט א זוניקע, א צופראלטע־ליכטיקע...
ס'האבן שטערן אנגענומען דיר און פירן
איבער טאלן, איבער בערג, אומעטום א פרייליך בליק.
אפן אלע טירן...
צוווארפן יעדער בריק
שנאה, פון מיר צו דיר, פון דיר צו מיר...
און כ'שפיר:
כ'לעב אין חלום, טרוים...
די גאס שלאפט שטיל און שווייגט.
ס'הוידעט זיך א לאמטערן
דורך דעם ווינט.
דער חושך שטייגט און שטייגט.
ס'לעשט זיך דא און דארט א שטערן,
א צווייג פון בוים רוימט איין א סוד
און בייגט זיך הער און הין:
ווי שיין די וועלט אין גאטס גענאד,
דער לעבן האט א זין.
גאר פלוצלונג אין א אויגנבליק ווערט אלץ צערונען
און פארשווומען, —
דער מארגנשטערן איז געקומען
און צעגליט
האט די גאס איר מויל געעפנט
און געזונגען איר'ס א ליד
פון האנדל־וואנדל, בלאטע־שטויב,
פון האס, נקמה, מענטשן־רויב...
ס'איז מיין חלום אויך פארשוווּנדן:
פונדאסניי דער כאר פון ווונדן!!!

אפשר?

אפשר וועט מיר אין ערגיץ דערפירן די נאכט,
וואס בייסט מיר מיין לייב ווי א שכורע זונה,
אפשר וועל איך פונווייטנס א וועג פאר מיר זען,
א סטעזשקע א קליינע,
און שטערן אין הימלען צו אפענע טירן
זיי וועלן מיין קערפער און גייסט אוועקפירן,
ווו כ׳וועל א געלעגער פאר מיר זיך אויסבעטן...
אפשר וועט מיר אין ערגיץ דערפירן דער טאג,
וואס בליצט אזוי קלאר
מיט חן פון א יונגפרוי, א שיינע, צובליטע,
און כ׳וועל מיינע אויגן די מידע,
(פון וועלכע ס׳רייסט זיך דער ווייטאק פון דור),
פארמאכן, פארשליסן,
און אפרו כ׳וועל געבן מיין צופייניקט געוויסן...
און עס נעמט מיר די נאכט און עס פירט מיר דער טאג
צו שטורעם און ווינט,
און כ׳פייף אויף מיין פייפל א ליד פון הפקרות,
ווי עס וואיען די הינט,
ווי עס קלאגן די דורות
צוברענטע אין קעסל פון בלוטיקע צייטן...
נאר אין קלעם פון צוגליטע, צויאטרעטע יארן,
פארשטומט ווערט מיין פייפל,
דער נגון פארלארן,
נאר די הארץ בלייבט אלץ אפן און שפילט נאך און שפילט,
און הענט אויסגעשטרעקטע זיך הייבן און בעטן:
פירט מיר, איר רוחות, וווהין נאר איר ווילט...
צוגליט זיך דער הימל, ווי בלוט ווערט ער רויט —
דערזע איך דער וועג וואס ליגט אויסגעשפרייט

און טראגט אויף די אקסלען דעם ווײ־געשריי: ט ו י ט...
פארשטײ איך: מ׳קען ניט דעם חלום ביז ענדע דערשפינען,
די פונקען זײ ווערן פארלאשן, צושאטן,
און דאס וואס דו זוכסט וועסטו קײנמאל געפינע
און וואס דיר איז טײער ווערט ברודיק צוטראטן...
און שטארק איז די וואנט און די קאפ אזוי שוואך,
און די פיס זענען מיד און דער ציל אזוי ווײט,
יעדער גרעזל און בלאט פון דײן נישטיקײט לאכט
און ביזט ווי א ווארים אין מויל פון דער ייט...
פארטראכט איך זיך שטארק: כ׳האב געווארט אויף א וואונדער,
און דא איז פארעקשנט א שטורעם געקומען,
און איך, א פארמשפעטער, גיב זיך אים אונטער
און אלע פ ר ע ט ע נ ס י ע ס פארשווייגן, פארשטומען...
— צוגליט זיך דער הימל, ווי בלוט ווערט ער רויט,
דערזע איך דער וועג ואס ליגט אויסגעשפרייט
און טראגט אויף די אקסלען דעם ווײ געשריי: ט ו י ט...

גיב א צייכן...

.1

גיב א צייכן מיר, מיין גאט, אז ניט שטענדיק וועלן
שווארצע קראען
באגלייטן מיר אין וועג.
ביז איך וועל ניט קומען צו קיין ברעג,
וויל איך אז די שעהן
פון מיין קורצן, שווערן אנג
זאל באגלייטן דער געזאנג
פון פ ר י י ד!

.2

גיב א צייכן מיר, מיין גאט, אז ניט שטענדיק איינגעשפאנט
כ'וועל זיין אין שווערן וואגן פון דער צייט.
כ'וויל, אז א ליבע, צארטע האנט
זאל צו מיר קומען פון דער ווייט
און ברענגען גליק און ליכט פאר מיר,
און ביים אנגאנג פון מיין טיר
זאלן וואקסן בלומען...

.3

גיב א צייכן מיר, מיין גאט, אז מיין געוויקס
וועט שפראצן, בליהען,
און וועט א גוטן פרוכט מיר געבן,
אז כ'וועל ניט אין מיין קורצן לעבן
ווי א קנעכט פאר הארן קניהען...
נאר א מענטש א שטאלצער, פרייער
אויסגעלייטערט אין דעם פייער
וועל איך זיין...

.4

גיב א צייכן מיר, מיין גאט, אז אויף א פעלד דארט
אויף א שטיין
הפקר וועט מיין קאפ ניט ליגן;
אז די ערד זי וועט ניט שטיקן
אין דעם קבר מיין געביין...
כ׳וויל אויך א טויטער זען דער וועלט
אפגעדעקט און ניט פארשטעלט
ווי זי איז...
— — — —

.5

גיב א צייכן מיר, מיין גאט, אז מיין געבעט דו וועסט ערפילן
און דאן דער גלאק דארט אויף דעם טורעם
און דער ברויזן פון דעם שטורעם
וועט זיך שטילן...

אויב באשערט איז מיר

אויב באשערט איז מיר ניט דערלעבטע טעג,
און יארן צוגערויבטע —
גיב איך זיי א וועק
יענע דיכטער, וועלכע גייען שטענדיק
אויף וועגן דערנערדיקע און באשטויבטע,
און קלייבן אויף די ווייען
פון פרעמדע און אייגענע געשרייען...
אויב באשערט איז מיר ניט אויסזינגען מיין ליד
אויף ערד
און פארשטומט וועט ווערן אינדערמיט
מיין שטילע תפילה, —
זאג איך אן: יעדער ניט דערלעבטער יאר מיינער געהערט
דעם וואס האט אין לעבן זיינעם לעשנדיקע שטערן בלויז געזען
און ווירקלעכקייט געלאשן האט זיין פלאמעדיקן ברען...
אויב באשערט איז מיר פארשוויגן ווערן אינדערשטיל
איינזאם און אליין
אינמיטן גיין
צום נאענטן־ווייטן ציל,
זאג איך אן: מיינע מארגנס גיב איך אפ
דעם,
וואס טראגט אויף זיין מידער, שוואכער קאפ
מיט שטאלץ דער שווערער משא פון דעם לעבן־קלעם...
קומט, נעמט מיינע ניט דערלעבטע טעג,
ווען שטיין פארגליווערט כ'וועל אין מיטן גאנג, אין וועג...

ווי א שטורעם ווינט...

"די ברוסט זיך רייסט אהין צום גרויסן ווערק"
איבער שטורעמדיקע אפגרונטן דורך טאלן און דורך בערג
דער געדאנק זיך רייסט...
ס'אנטפלעקט, באווייזט
זיך פון תהום,
פון הויכע, הויכע פעלזן שפיצן
מיין שיינע היים
פון דראנג, באגערן...
דארט רוהען, זיצן
געטער, אידעאלן
דארט ווייט, אין גרעניצלאזע ספער
געבוירן ווערן
הייסע זונען שטראלן...
צום גרויסן ווערק
דורך טאל און בערג
זיך רייסט
מיין שטורעם גייסט...
אין די טיפענישן פון דער ערד איך זינק אראפ
אין הויכקייטן פון הימלען כ'ווארף מיין קאפ
און זוך
אט דא
און דארט
אין יעדער שעה
אויף יעדן ארט...
כ'ווער ניט מיד, מיין גייסט ווי שטורעם ווינטן
אראפ, ארוף, ער שפרייזט או גייט,
ס'וועט אים אויך ניט קענען בינדן
די דראהונג פון דעם קעניג טויט...

נאקעט

מיט דעם זעלבן ברען,
ווי עס גלעט מיין האנט א יונגער פרויס גלידער,
קלאמערט זיך געדאנק צו געדאנק,
געזאנג צו געזאנג,
און פון ד'עם אומבאוווסטזיין־טראכט
שווימען אויף מיינע לידער;
ווי א זיך־רייסענדער, גליהענדער פרויס פייער, —
ברענט אויף אין דער נאכט
געפיל צו געפיל,
ווי א לייבן־געברילל,
די פרייד און דער וויי
און עס זינגט זיך אזוי —
מיין ליד — דעם לעבן א שטייער...
נאקעט. אן א העמד.
דערקען.
דאס בין איך.
(איך בין דיר ניט פרעמד,
ניט מיין קעלט, ניט מיין ברען...)
פארקוק נאר אין זיך
וועסט דערזען —
אז אויך דו שטייסט מיט מיר...
א וואונד צו א וואונד
מיין געזאנג —
א פייערבונד
צווישן מיר און דיר...

זינג, ציגיינער

זינג, ציגיינער, אויס דיין ליד
פון הפקר, ווינט און שטורעם, בונט,
איך ווי דו, ציגיינער שווארצער,
א הונגעריקער הפקר־הונט...
שפּיל, ציגיינער, מיר דיין ליד,
ווער ווי איך קען איר פארשטיין,
אויך מיין ליד זינגט ווייטאק אויס,
אומרו־קלאנגען און געוויין...
שווער צו וואנדערן אויף וועגן
נאר: PER ASPERA AD ASTRA
זינגען מיר אויף וועגן־שטעגן:
*) „INIMO ALBASTRO"
גיב דיין האנט און לאמיר לויפן
איבער פעלד און איבער סטעפּ,
אומרו, פייער אין די אויגן
ווינט־מחשבות אין די קעפּ...
שטארקער, שטארקער, עמיץ יאגט אונדז,
שפּיל, ציגיינער, אויס דיין ליד,
צו דעם טאקט פון הפקר־קלאנגען
הארץ, נשמה ברענט און גליט...
און פארשכורטע פון ווינען
אונדזער קול זאל קלינגען הויך,
און זיך רייסן אין מרחקים
ווי א גרויער וואלקן רויך...

---

*) אין רומעניש: טרויער און בענקשאפט לידער.

א הימן צום דיכטער

אין א נעץ פון תאוות קליינליכע זענען מיר געפאנגען,
וועלכע פרעסן ווי א ווארים אונדזער געטליכער נשמה;
ווי הענט און פיס פארשמידטע פון פארברעכער,
אזוי איז אונדזער קערפער צוגעשמידט צו זינד.
רייסט א שטראל זיך דורך דורך טונקעלקייט,
א געזאנג פון הימלען, פון טאל און בארג, —
זענען אויגן צוגעשלאסן, בלינד,
זענען אויערן פארשטאפט, טויב,
און דער שטראל גוסט אויף די קני פון תאוות קליינליכע,
און א הויכע וואנט פארצוימט דעם געטליכן געזאנג.
נאר איינצעלנע געלויטערט זענען פון דער זינד,
אויך דאן, ווען זיי ארעמען ארום דעם חטא —
דאס זענען דיכטער, וועלכע גייען דורך דער וועלט
מיט צוגליטער שירה אויף די ליפן...
שירה פון א פויגל, ווען די האנט פון גאט
פארזייט דעם מארגנשטערן אויף דעם אויסגעבלאסטן שטח
פון דעם הימל;
שירה פון א אדלער אין די בערג,
וועלכער ווערט געטריבן פון זיין גאוה-בליק צו העכסטע שפיצן;
שירה פון א צום טויט פארמשפטן,
וועלכער טרערט אין לעצטער תפילה אויס זיין לעצטע טרער;
שירה פון א שטענדיק פריילעכן,
וועלכער שכורט שטענדיק מיט דעם דופט פון גליק און פרייד...
זיי, די דיכטער, זייען אויף דער וועלט דעם פייערדיקן אמת,
ווען אויף אלע ליפן טראגט זיך אום דער שקר;
און וויטאקן דעם וויטאק פון יעדן קנעכט,
און טראגן אויס אין זיך דעם פייערדיקן רוף:
ג א ו ל ה!!!

זיי, די דיכטער, איינזאמע אין שטורעם און אין רעגן
טראגן אום דעם צער פון שטומער סטאדע: מאסע
און טרינקען שטענדיק פון דעם קוואל פון סם,
און ערשטע צו עקדות דערלאנגען זייער האלדז:
און ווען חושך שפרייט זיך אויס און פארוואָרפט א נעץ ארום
שטייען זיי אויף וועגן מיט דער פייערדיקער לאווע,
און זייער ווארט באלויכט דער וועג פון יעדן בלאנדזענדן,
פון יעדן בלינדן און פון יעדן וואנדערנדן מענטש...
און דארף ווער א קרבן ברייגגען —
ברייגגען זיי דעם קרבן אויף;
ווייל אין זייער הארץ האט די ליבע — די געטליכע מתנה,
א אפרו־ארט געפונען און אנעסט געמאכט...
זיי, די דיכטער ווייסן שטענדיק, ווו דער ארט פון גאט געפינט זיך,
ווו דער משכן זיינער שטייט;
ווייל אין אין־סוף בלאנדזעט אומעט זייער בליק,
און דער בליק פון דיכטער איז א פינקלדיקער שטראל,
איז א קליין געבוירן קינד, אויף וועמנס ליפן
שוועבט די אומשולד אום,
די ריינקייט און די קדושה פון א ניט פארפלעקטן לעבן...
מיט דעם אויפגיין פון פרימארגן־שטערן זענען זיי די ערשטע,
זייער תפילה איז ווי טראפנס שחרית־טוי,
וועלכע פינקלען מיט אויגן אויסגעלייטערטע,
און גלעטן צארט דער הויט פון גרינע גראזן און מאמע ערד:
און מיטן אנקום פון דער נאכט — זענען זיי די לעצטע,
וועלכע פארלאזן זייער קאמפס־ארט מיטן חושך...
ס׳קען דער קלאנג פון גאלד ניט צוימען זייער אדלער פלי;
ס׳איז קיין נעץ אויף וועלט ניטא, וועלכער זאל די טריט
פון דיכטער פאנגען...

דערפאר איז זייער נאמען איינגעוועבט אין אייביקייט־געוועב.
דיכטער, אויך דאן, ווען זיי ארעמען ארום דעם חטא,
זענען ווייט פון זינד,
ווייל די נשמה פון דעם דיכטער איז געלייטערט שטענדיק
אין דעם אויפגעברויזטן קעסל פון צער און פיין
פון זיין מ א י ע ס ט ע ט:
מ ע נ ט ש!!!

דער
געוויסן
פון
דעם
דיקטער

זיי ווייסן:
אין יעדער צייט,
איז דער געוויסן
פון דעם דיקטער
דער,
וואס שרייט
און רופט און וועקט,
און רויבט די רו,
און הענט ער שטרעקט
דארט ווו נאר ווו,
א מענטש זיך שטיקט;
זיי ווייסן —
אז דער געוויסן
פון דעם דיקטער
רייסט, צופליקט,
דער קייט וואס דריקט
אויף הענט.
זיין ווארט — דער זיג
אין יעדן קריג;
זיין ווארט — ער איז
א שארפע שפיז,
וואס ברעכט און שטעכט
און רופט דעם קנעכט:
זיין פריי!

בלייב שטיין...

1.

איך געהער צו קיינעם,
איך געהער צו זיך אליין,
כ׳וואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען מיינע ליפּן וועלן שעפּטשען:
„בלייב שטיין א ווײַלע! ביזט דאָך אַזוי שיין!״

2.

נישט קיין דיכטער בין איך,
אויך קיין קינסטלער ניט,
נאָר די האָרץ מיט יאַטרעדיקע ווונדן איז באַדעקט,
און אַ פייער ברענט און גליט...

3.

איינער פון מיליאָנען,
וואָס רייסט זיך צו דעם ברעג...
ווי אַ כוואַליע פליט מיט אימפּעט אויף אַ שטורעמדיקן ים
און זוכט פאַר זיך אַ וועג...

4.

נאָר איבער בערג און איבער טאָלן
כ׳וואַנדער און איך גיי,
ביז מיין מויל וועט ווילד פון זיך אַרויסשרייען:
בלייב שטיין אַ ווײַלע, שטיי!

5.

און דערווייל:
אַלץ העכער, העכער, העכער!
״מיין בעכער איז אַ קליינער,
נאָר כ׳טרינק פון אייגן בעכער״...

מיין רייכטום

ווען די נאכט אנטלויפט צו די אין־סוף צאליקע נעכט
פון דעם עבר,
און ס׳ווערט געבארן, ווי א קליין קינד, דער פארטאג,
דערזע איך ווי ארעם איך בין,
ווי קליין איז מיין רייכטום וואס כ׳פארמאג:
א דראנג ארומבלאנדזען אויף פארלאזענע וועגן
און קלייבן פארלארענע בליקן, —
בליקן פון איינזאמע מענטשן וואס האבן אין לעבן געטראטן
אויף צעווארפענע בריקן...
און בלאנדזען אויף וועגן אויסגעלייגטע מיט דערנער
און קלייבן די פונקען,
פונקען פון ארעמע וואנדערער, וואס האבן אין שטראם
פון דעם לעבן
זייער חלום און גלויבן דערטרונקען...
און ארומגיין און זוכן די טרערן אויף וועגן פארגאסענע,
טרערן פארסמטע מיט גאל,
און אויפקלייבן זיי צוזאמען
אין איין שלומערדיקן, טיפן קוואל...
און זוכן אויף וועגן פארבלוטיקטע
דעם אפהילך פון טריט,
פון ארעמע מענטשן, וואס האבן א שטריק ארום
העלדזער פארווארפן
און פארשטומט דעם געשריי אינדערמיט...!
זוך איך און קלייב און פארווארף אויף מיין אקסל
דעם פאק...
בויגט זיך מיין קערפער פון משא
ווי א בוים ווערט געהאקט מיט א האק...

א גרויסע מחנה

ווען אין וועג
פרעמדע בליקן שטעכן דיר א דורך,
און האסט דיין קאפ ניט ווו צו לייגן,
לייג א וועק
דיין קאפ אויף הארטן שטיין
און מיט דיינע שפיזן־אויגן
שטעך א דורך דער וועלט...
און שווייג. פארקריץ די ציין,
דיין מויל פארשליס
און טראכט: ניט איך אליין
בין איינזאם אויף דער ערד...
(מיט דעם גרויסן ברודער צער פארזיס
דיין ביטער טרער...)
און טראכט: אויף הארטע שטיגן
בעטלער אויפגעדרייטע
אויסגעצויגן ליגן
מיט פנימער פארגעלטע, טויטע
און קליינע עופהלאך ביי אויסגעדארטע ברוסטן
זויגן טובערקולאז אין זיך איין,
דער מאמעס הוסטן,
דער מאמעס אומגליק, פיין...
ווען אין דיין לעבנס וועג
וועסט דיין האנט א מאל אויסשטרעקן
נאך א שטיקל בעטל־ברויט —
ניט וויין!
ווייל געדיינק, אז אויף אלע וועגן
א גרויסע מחנה שטייט
אזוי... אז ניט נאר דו אליין

ביזט איינזאם אויף דער ערד...
און אויב פון דיין אויסגעשטרעקטע האנט
איז א פויסט געווארן

זיי ווייסן,
אז אויף אלע וועגן צינדט זיך שוין דער צארן,
אז אויף אלע שטעגן באטאליאנען וואכן
און די בעטלער פון די טארבעס
פאנען מאכן,
פאנען רויטע,
אין זייער ליידן אויסגעווייקטע,
אויסגעשמירטע אין דער בלוט
און רייסן זיך אין הויכן, ווי א פייערדיקער קנוט...
דעם דופק פון דער צייט מיר הערן:
אין ווייען נייע טעג
ווי דער מארגנשטערן
קומען אויף...

טאנצן קבצנים

מיט קייטן
זענען מיר געבונדן
איינער צו דעם צווייטן...
מיט ווונדן
צוגעשמידטע
זענען מיר פון לעבן
מידע,
צו דער גרויער ערד;
קייטן קלינגען
און אין פלאמען
זינגען
אלע מיר צוזאמען
די ליד פון אונדזער אייגן פייער...
הויבט זשע פיס,
העכער, העכער,
דעם לעצטן ריס
אין בעכער
פיין
ווארפט אריין...
קבצנים
אין לאטעס,
דעם ברודיגן פנים
געוויקלט אין שמאטעס —
אהער...
א טרער נאך א טרער,
א ווונד נאך א ווונד,
א מענטש — ווי א הונט —
אין פרצוף פון וועלט

שפייט...
א בלוטיקע צייט
פון הונגער און קעלט
מאכט חוזק פון אונדז...
טא־טא, טא־טא,
הו־הא...
ווער קוקט עס מיט שפאט
אויף קבצנים אין ראד?
ווער לאכט פון דעם טאנץ?
ווער זעט ניט דעם גלאנץ
אין די אויגן פון בעטלער...
ווי שפיזן?
טו־טו, טו־טו,
מיר רויבן די רו,
אונדזער אויג איז נאך אפן,
די קאפ איז נאך וואך,
כאטש אויף טאָרבעס מיר שלאפן
אין א פינסטערער נאכט...
טו־טו, טו־טו,
מיר שליסן ניט צו
דעם ראד פון קבצנים...
זאל קיינער ניט פעלן
קומט אלע צוגיין,
אין רייען זיך שטעלן,
ברענגט מיט דעם געוויין...
און ווארפן אין פנים
מיר וועלן קבצנים
א געשריי.

פֿון אונדזערע טאַרבעס,
פֿון צער און פֿון ווײ,
מיט הענט אויסגעשטרעקטע,
מיט ווונדן באַדעקטע,
און טו־טו, טו־טו,
קבצנים פֿאַרמעסטן זיך רויבן די רו...

א קנויל וואונדן

שטארבט אפ דער טאג
א אויגנבליק,
דער בין־השמשות
ווארפט א בריק
פון טאג צו נאכט...
און די נאכט
זי האט געבונדן
אין מיין הארץ
די שווערע וואונדן
פון מיין לעבן...
ליגט א קנויל פון וואונדן
אין מיר טיף,
און ווארפן זיך
ווי כוואלעס אויף א שיף
אין מיטן ים...
לויפן שאטנס גיך
פארביי,
און איך קען ניט
ווערן פריי
פון זיך אליין...
ווייל איך אליין
באדייט:
א שווארצע נאכט
וואס שרייט
פון עלנט...

מארש פון בונטארן

מיר אלע הונגערן:
איך, דו און ער,
אן אונטערשייד פון בלוט און ראסע,
פון מאל צו מאל
ס'וואקסט אין צאל
די הונגעריקע מאסע.
ס'קלינגט דער הונגער גלאק און דראט,
א וועלט געפירט פון זאטן גאט,
וואס קוקט מיט שפאט
אויף הונגעריקע ברואים.
קוק:
מיט הערצער ענטבלויזטע, מיט אויגן פול פייער,
מיט הענט מוסקולירטע צום מארגן, צום זיג,
אויף חורבות פון נעכטן, ער שטראמט דער באנייער
און שפילט אויף זיין פלייט אויס א פרייהייט מוזיק,
איינס, צוויי, מיר גייען, מארשירן,
ברידער פון הונגער און נויט
אן מורא, אן פחד פאראויס וועט אונדז פירן
א פאן פון בונטארן ארויטס,
ניט קוילן, הארמאטן פון בלוטיקן פיינד
זיי וועלן אונדז שרעקן,
מיר קומען און וועקן
צום אויפשטאנד אייך היינט.
שטיי אויף, פראלעטאריער, הויב שטאלץ אויף דיין קאפ
און שליידער פון שטול דעם טיראן שוין אראפ.
זאל קראכן דער טראן פון טיראנען!
ווער וועט עס וואגן דער וועג אונדז פארצאמען?
מיר גייען, מארשירן מיט זיכערע טריט.

צח

פון מיילער עס רייסט זיך א שטורעמדיק ליד:
פרייהייט!
און עס טראגט זיך דער קול
צו א ריזיגער צאל
פון פרייהייט בארויבטע, וואס שמאכטן שוין יארן
און מיינען אז שטענדיק וועט גיין שוין פארלארן
די זון פון די אויגן, דער ברויזענדער לעבן,
דער גלויבן אין מארגן, דער זוכן, דער שטרעבן...
נאר ניין!
איינס, צוויי, דריי, פיר,
מיט שטורעם און אימפעט ער פראלט אויף די טיר
פון שקלאפן־ארמייען
און אלע מיר גייען
מיט שטאלץ און מיט מוט
צום ערליכן־זוניקן פרייהייט־מארשרוט...

***

1.

אויף די אקסלען מיינע רוהען אייביקע פראבלעמען
ווי א שווערע לאסט,
אויגן שטענדיק איינגעזונקענע ווי גריבער, און א פייער
רייסט זיך אין די הויכן,
אין די ווייטע הימלען, ביי שפיצן פון מאנט־בלאנען
איז מיין פונק א גאסט,
ער רייסט זיך אין די וויטן, דאס העכסטע וואס ס׳איז
מעגליך וויל ער דארט דערגרייכן...

2.

ווו רוהען זיי די געטער און ווו וואלגערט זיך מיין גאט?
ווער דעם אבסאלוטן אמת האט פארשפינט אין קיינמאל
ניט דערשפונענעם געוועב?
ניט איינמאל איז מיין לעבן, שטורעמדיקער גייסט
געוועזן באדראט,
ווען מיין פלאמעדיקער פייער אין הימלען האט געשוועבט...

3.

נאר צו זאל איך רעזיגנירן, און ווי גרויס מיין פענסטער,
אזוי גרויס זאל זיין מיין וועלט,
צו כ׳זאל מיין קאפ היינט בויגן, פארשמידן גייסט אין קייטן,
און בענטשן אויף דעם חושך, ווען די ליכט איז מיר פארשטעלט.
און דעם אדלער דראנג און מעכטיקן פארמעסט צו טויטן?

4.

נאר ווי קען מען עס? אויב סכנות אויף די וועגן
ווי שלאנגען ליגן אויסגעשפרייט,
אויב הימלען וועלן זייער סוד פאר מיר פארשליסן
און שפאטן, לאכן פון מיין דראנג,
דאך! אויך פאר דעם גיפט פון שלאנגען מיין קערפער
כ׳מאך היינט גרייט
נאר כ׳וועל ניט אויפהערן צו זוכן דעם צויבערדיקן קלאנג...

מיין
ניט
דערזונגען
ליד...

מ י ט ל י ב ע —
מ י י נ ע ע ל ט ע ר ן

כ'פארמאג א נישט דערזונגען ליד,
וואס שלומערט ווי א קוואל דארט אין דער טיף.
ווי כוואליעס שטורעמען א שיף
וואס זינקט
אזוי זינגט דאס ליד אין מיר...
דאס איז נאר געפיל,
וואס דערציילט דיר אין דער שטיל,
אלץ וואס ס'דריקט אויף דיין געמיט: —
מ י י ן נ י ש ט ד ע ר ז ו נ ג ע ן ל י ד...
נאר ס'קומען טעג,
ווען דער קוואל דארט אין דער טיף רייסט אדורך דעם ברעג,
ווען דער ים צורעדט זיך מיט זיין אימפעט־שטורעם שפראך,
דאן שטיי איך אויף דער וואך
און היט,
אז פון מיין צעשפרונגענע געמיט
זאל ניט א וועק
מיין נישט דערזונגען ליד;
און ס'קומען נעכט:
ווען א פייערדיקער הימל פארבלענדט די אויגן דיר,
ווען א שטורעם פון דער גאס
רייסט אויף מיט כעס
דיין טיר;
ווען נישט געבעטענע געסט
קומען צו פארמעסטן זי אויף דיין רויק נעסט: —
דאן וויל ארויסזעצן ווי א ווולקאן,
ווי א ווילדער פערד וואס רייסט זיך פון דעם שפאן,
מיין נישט דערזונגען ליד,
נאר ביין:

איך שטיי דאָן אויף דער וואַך,
כ׳גיב איר ניט דער שפּראַך...

— — — —

מיין נישט דערזונגען ליד איז אַ פיינט
פון גרויען היינט...
מאָרגן ווי אַ פויגל פון דער נעסט פריי
וועט זי אַרויס אין גאַס און טריי
איר מיסיע צו ערפילן...



געדרוקט ביי „גרין-פרעס“ אין תל-אביב
טיפאגראפישע אויסשטאטונג פון גרשון קרונפעלד